№ 198 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאדזער טאגעבלאט

21-טער יאהרגאנג | 23 sierpnia 1928 r. | דאנערשטאג, ז' אלול תרפ"ח | [illegible]

קובאלא און אידזשיקאווסקי אין לאדז

אויפ'ן קאלישער באהן-הויף האבען זיי געהאט א קורצען געשפרעך מיט די לאדזער זשורנאליסטען

נעכטען האלב זיבען פריה זענען מיט'ן אינטערנאציאנאל-צוג אדורכגעפאהרען דורך לאדז די פוילישע לופט-פליהער קובאלא און אידזשיקאווסקי, וועלכע פאהרען פון פאריז קיין ווארשא.

אויף דער סטאנציע אין לאדז האבען אייניגע זשורנאליסטען מיט זיי אפגעהאלטען א קורצען געשפרעך וועגען זייער פליה איבער'ן אטלאנטיק.

5 מינוט נאך האלב זיבען האט דער צוג געריהרט אין ווייטער וועג קיין ווארשא.

שלעכטער רושם פון וואלדעמאראס'עס ענטפער אין גענף

ג ע נ ף. (אטע) די ידיעה וועגען וואלדעמאראס'עס אפזאג צו פיהרען די פויליש-ליטווישע אונטערהאנדלונגען אין גענף, האבען איבערראשט די קרייזען פון דער פעלקער-ליגע, אז וואלדעמאראס וויל נישט ערפיהלען די בעשלוסען פון דער ליגע.

אין די קרייזען פון דער פעלקער-ליגע האט דעריבער וואלדעמאראס'עס ענטפער ארויסגערופען א זעהר שלעכטען איינדרוק.

ק א ו נ א. (פאט) די היינטיגע צייטונגען מעלדען מיט גאוה, אז ליטע האט אפגעווארפען די פוילישע פארשלאגען, און אז עס וועלען נאך פארקומען אונטערהאנדלונגען מיט פוילען.

„ליעטובאס אידאס" שרייבט אונטער, אז פוילען דארף דערפיהלען די ענערגישע שטעלונג פון ליטע, וועלכע וועט שלום שליסען מיט פוילען ערשט דאן ווען זי וועט בעקומען ווילנא.

די אנדערע צייטונגען שרייבען אויך אין זעלבען זין.

געעפענט די קאנפערענץ פון דער אינטערנאציאנאלער פארלאמענטארישער אוניע אין בערלין

ב ע ר ל י ן. (פאט) אין זאל פון רייכסטאג האט זיך היינט געעפענט דער צוזאמענטרעף פון דער אינטערנאציאנאלער פארלאמענטארישער אוניע. די טריבונע איז דעקארירט מיט פערשידענפארביגע פאהנען פון די מלוכות, צווישען וועלכע עס געפינט זיך אויך א פוילישע פאהן. פארזיצענדער פון קאנגרעס איז דער רייכסטאג פרעז. שעקינג. עס בעטייליגען זיך 1000 דעלעגאטען פון 36 מלוכות.

קעלאג פאהרט נישט קיין לאנדאן

נ י ו - י א ר ק. (פאט) „ניו-יארק טיימס" מעלדעט, אז דער שטאטס-סעקרעטאר קעלאג האט בעשלאסען צו רעזיגנירען פון זיין רייזע קיין לאנדאן.

לאנצוצקי בעפרייט פון תפיסה און זיצט שוין ווידער אין פאוויאק.

ו א ר ש א. (טעלעפאניש) דעם פערגאנגענעם פרייטאג איז אויפ'ן סמך פון דער אמנעסטיע בעפרייט געווארען פון דער תפיסה דער געוו. קאמוניסטישער דעפוטאט לאנצוצקי.

מאנטאג האט א פראווינצער פראקוראטור ארויסגעשיקט אנ'אויפפאדערונג צו דער ווארשאווער פאליציי נאכאמאל צו ארעסטירען לאנצוצקי'ן פאר א פערברעכן, אויף וועלכען די אמנעסטיע איז נישט חל.

נעכטען מיטוואך פריה האט מען לאנצוצקי'ן ארעסטירט און אפגעפיהרט אין פאוויאק. ווען די פאליטישע ארעסטירטע אין פאוויאק האבען זיך דערוואוסט, אז לאנצוצקי איז ארעסטירט האבען זיי געמאכט א געוואלדיגען טומעל. די פאליציי האט אינטערווענירט און בערוהיגט די ארעסטירטע. ביטאג-צייט האבען זיך פערזאמעלט גרעסערע גרופען ארבייטער און דעמאנסטרירט פאר'ן פאוויאק. פאליציי האט צוטריבען די דעמאנסטראנטען און עטליכע פון זיי ארעסטירט.

דעפארטאמענט פאר'ן שול-וועזען פון נאציאנאלע מינדערהייטען ווערט נישט געשאפען.

ו א ר ש א. (טעלעפאניש). דאס בילדונגס-מיניסטעריום גרייט צו א נייעם סטאטוט פאר'ן שול-וועזען. לויט דעם דאזיגען סטאטוט וועט קיין בעזונדערער דעפארטאמענט פאר די שולען פון די נאציאנאלע מינדערהייטען נישט געשאפען ווערען.

ארעסטירט טאבאק-שמוגלער אין קאטאוויץ.

ק א ט א ו י ץ. (פאט.) די צאל-אינספעקטארען פון קאטאוויץ האבען נעכטען געכאפט א באנדע טאבאק-שמוגלער אויף דער באהן, וואס איז געגאנגען פון דייטשלאנד. אין די וואליזעס האט מען געפונען 250 קילא טאבאק.

נייע 2 יודישע געריכטע אין אדעס

א ד ע ס. (טעלעגר. דורך יט"א) לויט א פעראָרדנונג פון שטאטישען סאוויעט, וועלען די מעלדונגען און בעריכטען פון דער שטאט-פערוואלטונג ערשיינען אין: רוסיש, דייטש, פויליש און יודיש. דער שטאטישער סאוויעט האט אויך בעשלאסען צו שאפען א נייעם יודישען סאניטארישען ראיאן און 2 נייע יודישע געריכטען.

די טעטיגקייט פון יודישען געריכט אין וויטעבסק.

1000 פראצעסען אין משך פון 6 חדשים.

מ א ס ק ו ע. (י.ט.א.) אין דער מינסקער צייטונג „אקטיאבער" איז פערעפענטליכט געווארען א בעריכט פון דער טעטיגקייט פון יודישען געריכט אין וויטעבסקער קרייז. אין משך פון יאהר 1926 האט דאס יודישע געריכט בעטראכט 245 פראצעסען, אין דער צאהל 135 ציווילע און 110 קרימינעלע פראצעסען. אין יאהר 1927 האט דאס געריכט בעטראכט 1000 פראצעסען. די טעטיגקייט פון יודישען געריכט ענטוויקעלט זיך אלץ ברייטער. אין משך פון די ערשטע 6 חדשים פון לויפענדען יאהר האט דאס יודישע געריכט בעטראכט 1000 פראצעסען, דערונטער 800 ציווילע און 200 קרימינעלע.

דאס יודישע געריכט בעגרענעצט זיך נישט מיט דער טעטיגקייט פון וויטעבסק אליין, נאר מאכט אויך ארויס אויף סעסיעס אין די קלענערע יודישע שטעטלעך.

בית-ספר מעורב בן 7 מחלקות ע"ש | 7-קל. העברעאישע קאעדוקאציאנס-שולע אויפ'ן נאמען פון

„שלום עליכם"

של החברה ליסוד בתי-ספר עממיים וגני ילדים עברים בלודז | פון דער געזעלשאפט פאר יוד. פאלקס-שולען און פאר שול-ערציהונג אין לאדז

פאלודניאווא 11, טעל. 34-13 | פאלודניאווא 11, טעל. 34-13

איינשרייבונגען אין די קלאסען I, II, III, IV, V, VI, VII, דויערן. די שולע, וואס עקזיסטירט זייט 12 יאהר, איז פערזעהן מיט די בעסטע לעהר-מכשירים און נעמט ארום נעבען דעם פולען פראגראם פון א 7-קלאסיגער פאלקסשולע, א ברייטען פראגראם פון יודישע למודים ווי:
העברעאישע שפראך, יודישע געשיכטע, תנ"ך, העברעאישע און יודישע ליטעראטור, משנה, געאגראפיע פון ארץ-ישראל.
אבסאלווענטען פון דער שולע קענען אריינטרעטען אין 5 קלאס פון יודישע גימנאזיע. די שול-קאנצעלאריע, פאלודניאווא 11, פראנט 1 שטאק, איז טעטיג טעגליך פון 1—9 נאכמ. פון נעקסט שול-יאהר ווערט ביי דער שולע געעפענט א מוסטערהאפטע פרעבעל-שולע פאר קינדער פון 4 יאהר אן.
די דירעקציע.

די פערוואלטונג פון האנדעלס-פערמיטלער-פעראיין אין לאדז, פיעטריקאווער 64
רופט צונויף זעמטליכע האנדלונגס-פערמיטלער, וועלכע בעשעפטיגען זיך אויפ'ן טעריטאריום לאדז און לאדזער וואיעוואדזטווא
צו רעגיסטרירען זיך
אין אונזער פעראיינס-לאקאל, וועלכעס האט א צוזאמענהאנג מיט די פארשטעהענדע האלען קירצליך צו דער האנדעלס-קאמער, טעגליך אין ביורא-שטונדען 7—4 נאכמיטאג.
עס ליגט אין די אייגענע אינטערעסען פון יעדען פערמיטלער איילענד צו רעגיסטרירען זיך, ווייל מען קען ח"ו פערשפעטיגען.
P.S. מיר בעטען ביים רעגיסטרירען זיך מיטברענגען דאס פערמיטלער פאטענט.

אכטונג פריזיער-מייסטער!
היינט דאנערשטאג, 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין לאקאל פון צענטראלען האנדווערקער-פערבאנד, פאלודניאווא 4
א וויכטיגע פערזאמלונג
מיט פאלגענדער טאגעס-ארדנונג: 1) וועגען דער רעגיסטראציע, 2) וועגען שטרענג אבהיטען די ארבייטס-שעה'ן, 3) פעראייניגען אלע פריזיער-מייסטער-פעראיינען.
קומט אלע ווי איינער, ווייל עס האנדעלט זיך וועגען אייערע אייגענע אינטערעסען.
די פערוואלטונג.

Gimnazjum Humanistyczne Męskie
T. Kacenelsona
Cegielniana 28, tel. 51-79
עס ווערען אנגענומען שילער אין אלע קלאסען. פאר אביטוריענטען פון פאלקס-שולען ווערען געמאכט וועגען צוגעפאסטע ערלייכטערונגען בנוגע די העברעאישע לימודים. מיט איינשרייבונגען זיך ווענדען אין דער קאנצעלאריע טעגליך פון 11 ביז 2 און פון 5 ביז 7 אין אווענד.
די דירעקציע.

LEKARZ-DENTYSTA
M. Chwat
Piotrkowska 55, tel. 27-76
powrócił.

Dr. med. DONCHIN
ספעציאל-ארצט פאר אויגען-קראנקהייטען.
צוריקגעקעהרט קיין פוילען.
נעמט אן טעגליך פון 1—10 און פון 4—7 נאכמ.
זונטאג — פון 10—1 נאכמ.
מאניושקי 1 Moniuszki טעל. 9-97.

צאהן-דאקטאר
Sperling
Południowa 9,
טעל. 43-06
צוריקגעקעהרט.

Dr. med. H. Gutsztadt
אקושער-גינעקאלאג
Zachodnia 62 (Cegielniana 23)
Telefon 26-52
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 9 ביז 10 פריה און פון 5 ביז 7 אווענד

Dr. Różaner
ספעציאליסט פאר הויט-ווענערישע קראנקהייטען און מיינער-שוואכע.
המלונג מיטן חארעגקי-שטראהלען און דיאטערמיע
Dzielna 9 (Narutowicza) טעל. 28-98
פון 8—10, 5—8, פרויען 3—4.

בעקאנטמאכונג
איך מאך בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט, דאס איך בין צוריקגעקומען פון אויסלאנד, וואו איך האב מיך פערזעהן מיט די נייעסטע
הערבסט- און ווינטער-מאדעלען
פאר מיין שוין גוט-רענאמירטע הערען-שניידער-אטעליער. די פראצאווניע איז שוין טעטיג.
מיט אכטונג
H. MILNER,
Łódź, Piotrkowska 38,
tel. 19-95.
בעמ.: כ'בעזיץ שוין אויף לאגער די נייעסטע אינלענדישע און אויסלענדישע סחורות.

Dr. Wołkowyski
צוריקגעקעהרט
און זיך איבערגעצויגען אויף
צעגיעלניאנא 25
טעלעפאן 26-87
ספעציאל-ארצט פאר הויט-, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע. עלעק-ארט זאגאליען. בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8—10, 12—2 און 4—8 אווענד.

500 זל. בעלוינונג
ס'איז פערלוירען געווארען וועקסלען אויף דער סומע פון 13000 ביז 14000 זל. ווי אויך א וועקסעל-בוך און א פאליסע פון דער פערזיכערונגס-געזעלשאפט „אווראפא" ווי אויך ביזשוטעריע אויף א סומע פון 1000 זל. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען אפצוגעבען די וועקסלען און דאס וועקסעל-בוך צו ה' פאנעל גלובנא 41 אדער אין בעמעל געשעפט 47. די וועקסלען האבען ערקלערט פאר אונגילטיג פ. ס. גלייכצייטיג בעט איך דאס עס זאל קיינער נישט נעמען קיין וועקסעל מיט מיין זשירא אהן א פריהערדיגער פערשטענדיגונג. דיסקרעציע געזיכערט.
8886

Dr. Z. Rakowski
ספעציאליסט פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען
קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.
שפרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7.
[illegible]

Dr. med. A. Mazur
ספעציאל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק. ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ווסכאדניא 65
איינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-01
נעמט אן פון 12½—1½ און פון 3—5 נאכם.

מזרחי שאפט א „קרן-ארץ-ישראל“

די ארץ-ישראל דעלעגאטען פון מזרחי געגען די בעשלוסען פון דער קאנפערענץ

דאנציג. (טעלעגר. דורך יט״א). היינט פארמיטאג האבען די קאמיסיעס אנגעהאלטען ווייטערע זיצונגען. אויף דער נאכמיטאג׳דיגער פלענאר-זיצונג זאל פארקומען די אפשטימונג פון די רעזאלוציעס, וואס זענען אויסגעארבייט געווארען אין די אפזונדערע קאמיסיעס. די שלוס-זיצונג ווערט ערווארט היינט שפעט ביינאכט.

דאנציג. (טעלעגר. דורך יט״א). אויף דער לעצטער זיצונג פון דער מזרחי-קאנפערענץ איז אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון ד״ר בארט, אז די רעפעראטען אויף דער פלענאר-זיצונג זאלען איבערגעריסען ווערען און זאלען איבערגעטראגען ווערען אין די באזונדערע קאמיסיעס. די בעראטונגען האבען געדויערט דעם גאנצען זונטאג-דיגען טאג.

דאנציג. (טעלעגר. דורך יט״א). אויף דער זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע איז אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון מרכז-עולמי, אז דער בודזשעט-פרעליטינער פארן לויפענדען יאהר זאל בעטרעפען 70 טויזענד פונט שטערלינג, זאל בעהן אויפ׳ן רעליגיעז-חנוך און ערציהונג 55 טויזענד פונט.

בעת די פערהאנדלונגען איז דער בודזשעט-קאמיסיע איז ארויפגעלעגט געווארען א פערפליכטונג אויף די לאנד-ארגאניזאציעס צו דעקען דעם בודזשעט. עס איז אויך בעשלאסען געווארען צו שאפען א ספעציעלען דירעקטאריום פאר א קרן-ארץ-ישראל״, וואס זאל זיין בע-בויט לויט׳ן מוסטער פון „קרן-היסוד״.

דאנציג. (טעלעגר. דורך יט״א). בעת די דעבאטען אויף דער קאנפע-רענץ פון די „צעירי-מזרחי״ איז בעקו-מען צו שארפע מיינונגס-פערשידענהיי-טען צוליב דער שטעלונג צום „הפועל המזרחי״. די א״י-דעלעגאציע, וואס בע-שטעהט פון 50 פערזאן האבען אפגע-געבען א ערקלערונג, אז זיי וועלען זיך נישט אונטערווארפען די בעשלוסען פון דער קאנפערענץ, מאטיווירענדיג זייער האנדלונג דערמיט, וואס די קאנ-פערענץ פאווארידירט דעם „הפועל המזרחי״.

„קראסין״ זוכט אמונדסענ׳ען

אסלא (ספ.) דער רוסישער אייז-ברעכער „קראסין״ איז נאכאמאל ארויסגעפאהרען כדי שפורען אויפ-זוכען אמונדסענען, דער קאפיטאן סאמאילאוויטש האט ערקלערט, אז דאס וועט זיין דער לעצטער פרוב.

די שיף „מיקל סמארס״ האט עטלי-כע מאל ארומגערינגעלט שפיצבערגען און נישט געפונען קיין שום שפורען פון אמונדסענען.

א פערגיפטיגטע שפילקע אין דער ברוסט פון פרעזידענט אברעגאן

האט אריינגעשטאכען א דאמע בעת זי האט מיט איהם געטאנצט.

ניו-יארק (ספ) פון מעקסיקא מעלדעט מען, אז דארט זענען ארעס-טירט געווארען 12 טוטנגלידער אונ׳ם מארד פון פרעזידענט אברעגאן. 5 פון די ארעסטירטע זענען פרויען. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז איינע פון די ארעסטירטע דאמען, האט געטאנצט מיט׳ן פרעזידענט און בעת מעשה איהם אריינגעשטעקט א פערגיפטעטע שפילקע אין דער ברוסט. באלד דערנאך איז גע-פאלען דער שאס.

לונאטשארסקי׳ס ירידה

אלס סאוויעט-פאליטיקער.

צוליב דעם לוקסוס-לעבען פון זיין פרוי

נאך נישט לאנג צוריק האט לונא-טשארסקי׳ס נאמען געקלונגען פון עק סאוויעט-רוסלאנד ביז׳ן צווייטען, אויך אין אויסלאנד האט ער גע׳שם׳ט אלס גרויסער און טיכטיגער געלעהרטער. ער איז געווען אפנאך דער אפגאט פון סאוויעט-רוסלאנד. נאר זיין גאנצען נאמען מיט זיין אמט האט ער פערלוירען גאנץ געשווינד און בלויז צוליב זיין שעהן ווייבעל ראזאנעלע.

ראזאנעלע איז געווען א פילם-אקטריסע, און דערצו זעהר א גרויסע שעהנהייט. אבער נאך א גרעסערע אויסבראנגערין. זי האט זיך אזוי געפוצט און געקליידעט, אז מען האט איהר בעהאלטען פאר די בעסטע געקליידעטע דאמע אין סאוויעט-רוסלאנד. איהר צירונג האבען פון איהר ארויסגעלויכטען און איהר צוגעגעבען מעהר חן.

דער עולם האט אבער גענומען מור-מלען. ס׳טייטש, א פרוי פון א סאוויעטי-שען בעאמטען, א פרוי פון א קאמוניסט און פראלעטאריער זאל זיך אזוי פוצען, נאך מעהר ווי די רייכסטע בורזשואזנע פרויען!

מ. לונאטשארסקי איז געווען געצוואונ-גען ארויסצוגעבען אנ׳ערקלערונג, אז זיין פרוי׳ס צירונג זענען נישט קיין ריכטיגע, נאר אימיטאציע.

דערווייל איז מ. לונאטשארסקי בע-שטימט געווארען צו פאהרען קיין גענף צוליב א געוויסע פאליטישע מיסיע, און האט אויך זיין שעהן ווייבעל מיטגענומען.

ערשט אין גענף האט זי זיך גענומען פוצען און קליידען איינגעשפארט, און דאס האט שוין געבראכט צו בעלער און פערוואלונגען און גרויסע הוצאות אויפ׳ן חשבון פון דער סאוויעטישער רעגירונג.

דא אין שווייצאריע האט זי ערשט בעגונען חלומ׳ען פון פילם-קונסט און גרויס און בעריהמט ווערען.

דערווייל איז אונטערגעלאפען די צייט, ווען מ. לונאטשארסקי, האט זיך בע-דארפט צוריקקעהרען קיין רוסלאנד.

זיין שעהן ווייבעל האט אבער געזאגט, אז זי איז נישט שטארק נייגעריג צו פאהרען א היים. דא פיהלט זי זיך בעסער און איז נישט געשטערט אין איהר קליי-דונג און צירונג.

לונאטשארסקי איז אפגעפאהרען און זיין פרוי איז געבליבען אין בערלין לעבען א גוטען טאג.

אמת, דער אפיציעלער ארגאן פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין בערלין „די רויטע פאהן״ האט זי זעהר שטארק קריטיקירט, נאר זי, ווי עס שטייט, האט זיך וועניג געקימערט.

ווי האט אבער פלוצלונג ערהאלטען א טעלעגראמע פון דער סאוויעטישער רעגירונג, וואס האט איהר אין גאנצען צוגעבראכען. זי האט זיך געווארפען אויף איהר בעט און ביטערליך געוויינט. אויף מארגען האט זי גלייך פערלאזען בערלין און אוועק קיין מאסקווע.

וואס עס איז פערגעקומען צווישען איהר און מיט דער רעגירונג קען מען נישט וויסען, נאר אז איהר מאן האט די קאריערע פערלאזען צוליב איהר איז זיכער.

„יום-טוב פון וועלט-פרידען״.

לאנדאן. (ספ.) דער לאנדאנער „אבסערווער״ לאגט פאר, אז נאך׳ן אונטערשרייבען קעלאג׳ס אנטי-מלחמה-פאקט, מיט וועלכען עס וועט זיך אנהויבען א נייע פרידענס-ערא אויף דער וועלט, זאל פראקלאמירט ווערען „א טאג פון וועלט-פרידען״, וועלכער וועט געווארען אנ׳אינטערנאציאנאלער יום-טוב לכבוד דעם שלום. דער טערמין פון דעם דאזיגען יום-טוב האלט מען אמבעסטען גערעכנט אין יולי, אין שענסטען חודש פון זומער.

מאסען-ארעסטען פון קאמוניסטען אין מעקסיק.

לאנדאן, (אטא) פון מעקסיק מעלדעט מען, אז די כינעזישע פאליציי און מיליטער האט אדורכגעפיהרט צאהלרייכע רעוויזיעס אין די פראפעסיאנעלע פער-איינען און ארעסטירט זעהר פיל קאמוניסטישע אגיטאטארען. בעת די ארעסטען איז געקומען צו בלוטיגע צוזאמענשטויסען. עס זענען געפונען געווארען דאקו-מענטען, אז די קאמוניסטען האבען זיך געגרייט אין הערבסט צו אנ׳איבערקערע-רעניש אין מעקסיק.

רוסישע קירך פייערט דעם 1-טען מאי

און גרינדעט א קריסטאמאל

אין דער לענינגראדער „קראסנאיא גאזעטא״ לייענען מיר:

„די אנהענגער פון דער קירך האבען לעצטענס שטארק אויסגענוצט דעם קאמף. די ציפערן, וואס מיר האבען, צייגען, אז זייערע רייהען זענען בעדייטענד געשטיגען. אין קיעוו, צום ביישפיל, האט די גמיינע קירך 156 פערזאנען. די אנהענגער פון דער פראוואסלאווער קירך 332 פערזאנען. די קאטאליקען 8 פערזאנען, די יודען 81 פערשידענע רעליגיעזע קהלות א. א. וו. א חוץ דעם צעהלען די פעראיינען פון די רעליגיעזע סעקטאנטען ביי 4000 מיטגלידער.

די רעליגיעזע פעראיינען בעשטעהען פון מענשען פון פערשידענע קלאסען, פון הענדלער, געלעהרטע, בעל-מלאכות, אינטעליגענטען און ארבייטער. א גרויסער טייל פון זיי זענען יונגעלייט אין דער עלטער פון 18 ביז 21 יאהר.

די פיהרער פון די רעליגיעזע פער-איינען בענוצען פערשידענע מיטלען אויף צו געווינען נייע אנהענגער. זיי טוען פיל זאכען נאך אונז, קאמוניסטען. מיר, צום ביישפיל, האבען א „קאמסא-מאל״ (קאמוניסטישער יוגענד-פערבאנד), זיי האבען ארגאניזירט א „קריסטאמאל״ (קריסטליכער יוגענד-פערבאנד). ביי זיי זענען פאראן „שוועסטער-פעראיינען״.

אמן גלח, צום ביישפיל, איז נישט לאנג צוריק דערגאנגען צו דעם, אז ער האט איינגעפיהרט אין זיין קלויסטער א ראדיא. א צווייטער האט איינגעפיהרט א קינא. פיל קירכען פעראנשטאלטען קאנצערטען. ערב דעם ערשטען מאי האט דער קיעווער פראוואסלאווער מע-טראפאליט ארויסגעהאנגען די פאל-גענדע מודעה:

„עס דערנעהענט זיך דער אינטער-נאציאנאלער פראלעטארישער יום-טוב, דער ערשטער מאי. מיר לאדען דעריבער איין אלע גלויביגע צו קומען צו אונז אין קירך אריין, וואו עס וועט געגעבען ווערען א דראמאטישע פארשטעלונג״.

נאך ווייטער געהען די רעליגיעזע סעקטאנטען. זיי בויען זייער גאנצע אר-בייט אויף די פרינציפען פון זעלבסט-טעטיגקייט, די פעראיינען פון די סעק-טאנטען האבען ארגאניזירט פערשידענע כארען, ארקעסטער׳ס און ליטעראַרישע קרייזלעך. די באפטיסטען, צום ביישפיל, האבען א ספעציעלען יום-טוב פאר דער יוגענד. די סעקטאנטען זאגען:

„לענין האט אפגעטיילט די קירך פון שטאט, דעריבער זענען מיר פאר לענין און לענין איז פאר אונז. מיר געהען זיך אונדער בלויז אין קלייניגקייטען. אבער דאס וועט איהם גאט מוחל זיין״.

אין פערלויף פון יאהר 1927 זענען אין קיעוו ערשינען 85 רעליגיעזע ביכער, וועלכע זענען געדרוקט געווארען אין 187,000 עקזעמפלארען און 11 זשורנאלען.

געעפענט די זיצונגען פון קוראטאריום פון „מכון למדעי היהדות״ פון ירושלים׳ער אוניווערזיטעט

באזעל (יט״א) היינט האבען זיך דא אנגעהויבען די זיצונגען פון קורא-טאריום פון „מכון למדעי היהדות״, פון ירושלים׳ער אוניווערזיטעט. די זי-צונגען קומען פאר און האטעל „פון דריי קעניגען״, וועלכער איז גוט בע-קאנט פון דער ציוניסטישער געשיכטע. די בעראטונגען וועלען דויערן דריי טעג.

אין דער סעסיע פון קוראטאריום בעטייליגען זיך: דוד ילין און פראפ. ד״ר יוסף קלוזנער פון ארץ ישראל, הרב הכולל ד״ר הערץ, רעקטאר ד״ר ביכלער און שמואל ראוו פון לאנדאן, הרב ישראל לוי און ד״ר ט. לובער פון פאריז, ד״ר מארמאן טובער, פראפ. איילבאגען, ד״ר בעק און דאסמאנער פראפ. פעליקס פערלעס פון דייטשלאנד, הרב פראפ. ד״ר א. שור פון פוילען און הרב הכולל ד״ר בראדו פון פראג.

עס ווערען נאך ערווארט ה. נ. ביא-ליק, אוסישקין און אנדערע דעלעגא-טען פון אמעריקא און אנדערע לענדער.

„יודישע קריסטען״ אין אונגארן.

בודאפעסט. (ספ.) א בודאפעסטער צייטונג מעלדעט, אז אין דער שטאט מעסקאלץ, אונגארן איז צוזאמענגעשטעלט א חברה וועלכע רופט זיך „די קריסט-גלויבענדע יודען״, זיי פלאנירען אויך צו ארגאניזירען אפטיילונגען אין אנדערע פראווינץ-שטעט.

די נייע סעקטע האט נישט בדעה אויסצוטרעטען פון דער יודישער אמונה. אגב זיי ערלויבען צו האלטען זונטאג אנשטאט שבת די, וועלכע ווילען אזוי האל-טען זייער רוה-טאג. זייער ציל איז צו שאפען א געוויסע פערשטענדיגונג צווישען יודענטום און קריסטענטום, און צו אפגעבען זיך מעהר מיט רעליגיעזען שטודיום. זיי בעהויפטען, אז קריסטענטום איז באמת טאקע יודענטום, און דער חילוק וואס ווערט געמאכט איז בלויז א טעות.

אנרי בארביס קראנק

ער געפינט זיך אין א שפיטאל אין רוסלאנד

מאסקווע. (ספ.) דער פראנצויזישער שריפטשטעלער אנרי בארביוס איז בעת זיין רייזע אויף אנ׳עראפלאן איבער רוסלאנד קראנק געווארען.

בארביוס געפינט זיך איצט אין ניזשני-נאווגאראד, וואו ער געפינט זיך אונ-טער דער אויפזיכט פון ספעציעלע דאקטוירים. די קראנקהייט איז א גאנץ ערנסטע.

ווען איהר געהט אריבער די גאס,

קוקט מיט אפענע אויגען; איהר קענט בלייבען אנ׳אייביגער קאליקע, אדער גאר געפינען דעם טויט.

היט זיך, מען זאל אייך נישט איבערפאהרען.

דער מארגען׳דיגער

פרייטאג-נומער

— פון —

„לאדזער טאגעבלאט“

וועט ערשיינען אין א גרעסערן פארמאט און ברענגען א גאנצע רייה ארטיקלען און פעליעטאנען פון די בעסטע שריפטשטעלער.

אנאנסען ווערען אנגענומען היינט א גאנצען טאג.

וואס איז אזעלכעס „ליבעראל יודענטום“?

עטליכע בעמערקונגען צו דער ערשט-פערענדיגטער בערלינער וועלט-קאנפערענץ פון ליבעראלע יודען.

די צייטונגען ברענגען איצט אויס-פיהרליכע בעריכטען פון דער וועלט-קאנפערענץ פון „ליבעראלען יודענטום“ וואס האט זיך נעכטען פערענדיגט אין בערלין. נישט איין לעזער פרעגט זיך: וואס איז דאס אזעלכעס „ליבעראל יו-דענטום“? מען הערט ביי אונז ווענען פערשידענע יודישע פארטייען און גרו-פירונגען, אבער דער נאמען פון אט דער „פארטיי“, איז דעם היינטיגען דור פרעמד.

יא, היינט וועט ביי אונז פון 60 מענ-שען אפשר קוים איינער וויסען עפעס ממשות׳דיגעס צו דערצעהלען ווענען „ליבעראלען יודענטום“ אבער געווען א צייט, ווען דאס „ליבעראלע יודענ-טום“ האט געשפילט א זעהר גרויסע ראלע אין יודישען לעבען און האט זיך אין יענער צייט טרויעריג בעריהמט גע-מאכט דורך דעם קאמף, וואס ער האט געפיהרט געגען דעם נאציאנאלען יו-דענטום.

דאס „ליבעראלע יודענטום“ האט גענומען זיין אנהויב אין דער צווייטער העלפט פון פאריגען יאהרהונדערט. דער גייסטיגער בעגרינדער און פילאזאף פון „ליבעראלען יודענטום“ איז געווען הער-מאן קאהען, וועמענס צעהנטען יאהר-צייט די „ליבעראלע יודען“ האבען ערשט נישט לאנג געפייערט. דאס לי-בעראלע יודענטום האט זיך אנגעהויבען קודם אלס „רעליגיעזע“ בעוועגונג. די בעגרינדער פון דער בעוועגונג זענען געווען הויפטזעכליך מענשען פון די דייטשע משכיל׳שע ספערען, פאר וועל-כע די יודישע רעליגיע און דער פארם, ווי מיר האבען זי, ביי אונז אין מזרח אייראפא האט אנגעהויבען ווערען אומ-בעקוועם. זיי האבען געוואלט צופאסען די רעליגיע צו דעם מאדערנעם לעבען אין מערב-אייראפא און אראפווארפען פון זיך אלץ, וואס האט געמאכט אומ-מעדערנעמען דעם יוד פון דער ארומיגער וועלט. און דאך געווען דער אורטייל פון דער דעמאקראטישער וועלט זיך וואס גע-לער און פאלשטענדיגער צו אסימילירען מיט די פעלקער צווישען וועלכע די יו-דען לעבען. דער ערשטער אויפטו איז געווען, וואס מען האט איינגעפיהרט א „געבעטבוך“ (סידור) אין דער לאנדעס שפראך און מען האט פון דארט ארויס-געווארפען אלע פסוקים, וואס האבען א שייכות צו „ציון“, מען האט אויסגע-בויט טעמפלען, וואס זעהען אויס עהנ-ליך צו קלויסטערס און מען האט אין זיי איינגעפיהרט „ארגלען“ און כאר-געזאנג.

די פילאזאפען פון דער בעוועגונג, ווי הערמאן קאהען און אנדערע האבען גע-פרובט געבען דער בעוועגונג אנ׳אידעא-לאגישען הינטערגרונד און מען האט ארויסגעלאזען די פראגע ווענען דער „מיסיע פון די יודען צווישען די פעל-קער“. גאנצע ביכער זענען אנגעשריבען געווארען אויף דער טעמע, אז די יודען דארפען זיך צוזאמענמישען מיט די פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען און דארט וועלען זיי אויספיהרען א גרוי-סע משיח׳שע מיסיע, הויפטזעכליך דעם אלגעמיינעם קולטור-שטאנד אויף דער וועלט.

צו דער בעוועגונג האט זיך באלד אויך אנגעשלאסען קלאוד מאנטעפיארע וועלכער האט ערשט נישט לאנג געפיי-ערט זיין 70-יעהריגען געבורטס-טאג און שטעהט נאך היינט אן דער שפיצע פון דער בעוועגונג.

ווען עס איז ענטשטאנען די ציוניס-טישע בעוועגונג, דאן זענען די ליבע-ראלע יודען געווען די גרעסטע געגנער, מיט וועלכע ד״ר הערצל האט געמוזט פיהרען א פערביטערטען קאמף. מיט דעם וואקסען פון דער נאציאנאלער בע-וועגונג צווישען די יודען האבען די „לי-בעראלע“ אלע מאל מעהר פערלוירען זייער השפעה און היינט זענען זיי נישט מעהר, ווי א גרופע פון האלב-אסימי-לירטע יודישע רייכע פאמיליעס, וואס האבען זיך אין די פערשיידענע מערב-אייראפעאישע לענדער זייערע אנהענ-גער.

אין די לעצטע יאהרען האט דאס „לי-בעראלע יודענטום“ געענדערט אפילו די בעציהונג צום ציוניזם און פון דער געגנערשאפט איז מען איבערגעגאנגען צו „נייטראליטעט“. עס געפינען זיך אפילו היינט צווישען די ליבעראלע יו-דען אלטע ציוניסטען, וועלכע חולמען שאפען א סינטעז צווישען זייער ציוניזם און דעם ליבעראלען יודענטום, אבער די צאהל פון די דאזיגע איז א פערשווינ-דענד קליינע.

אויב די עפענטליכקייט ווייזט נאך היינט ארויס א געוויסען אינטערעס צו דער איצטיגער וועלט-קאנפערענץ, דאן איז עס נור א דאנק די פראמינענטע פערזענליכקייטען, וואס נעמען אנטייל אין דער קאנפערענץ און רעפרעזענטי-רען אויסער זייערע נאהענטסטע — מעהר קיינעם נישט.

די ערעפנונגס-רעדע פון הרב מאיר בערלין
אויף דער וועלט-קאנפערענץ פון „מזרחי" אין דאנציג

דאנציג (יט"א) מיר ברענגען דא דעם אויספירליכען טעקסט פון הרב מאיר בערלינ'ס רעדע בעת דער ערעפנונג פון דער וועלט-קאנפערענץ פון „מזרחי" אין דאנציג.

סוס דרוקען מאל נא דער באלפור-דעקלאראציע טרעפען זיך צונויף פארשטעהער פון 14 לענדער, פרי ארומרעדען די מזרחי-ארבייט און מזרחי-פראבלעמען און אנצונעמען בעשלוסען וועגען דער וויטערדיגער ארבייט. צום ערשטען מאל טרעפען מיר זיך צונויף נאך אזא קורצער צייט, 2 יאהר נאך דער וועלט-קאנפערענץ אין אנטווערפען ווי לאנג דער ציוניזם איז געווען מעהר א פראגע פון אידעאלאגיעס און פרינציפען, זענען פאר אונז מזרחיסטען אפטע צוזאמענקונפטען נישט נעווען אזוי נויטיג. אונזער אידעאלאגיע און אונזערע פרינציפען זענען נישט פריש געשאפען און זיי זענען נישט אפהענגיג פון די וועלט-אנשויאונגען פון די לעצטע צעהנדליגער יאהרען.

מיר, מזרחיסטען, זענען נישט געקומען צום ציוניזם, ווי אנדערע גרויסע טיילען פון יודישען פאלק, צוליב נעגאטיווע ערשיינונגען פון יודישען לעבען, וועלכע בעטראכטען ארץ ישראל פאר א היימ-מיטעל. מיר פערשטעהען דאס אזעלכע ערשיינונגען זענען א פועל יוצא פון שווערען גייסטיגען, עקאנאמישען און פאליטישען דרוק, אונטער וועלכען עס קומט אויס צו לעבען א בעדייטענדען טייל פון יודישען פאלק. מיר זענען אויך איבערצייגט, דאס ארץ ישראל וועט אין דעם פרט פיל העלפען און די נעגאטיווע שטעלונג צום יודענטום וועט זיך פערוואנדלען אין א פאזיטיווע ארבייט פאר'ן יודישען פאלק. אבער נישט דאס איז פאר אונז דער עיקר. אונזער ציוניזם געהט וויטער, אונזער שטעלונג איז מעהר פאזיטיוו. ווען אפילו דער פאליטישער גייסטיגער און עקאנאמישער מצב פון יודענטום זאל זיין צופרידענשטעלענד, וואלטען די רעליגיעזע יודען, דאך געשטרעבט צו אנ'איינגענעם יודישען לעבען. מיר שטרעבען צו א לעבען, וואס זאל נישט זיין אויפגעבויט אויף א פרעמדער קולטור, אויף א פרעמדער שפראך און פרעמדע איינפלוסען, וואס זאל זיין גענצליך געבויט אויף דער יודישער וועלט-אנשויאונג. אונזער ציוניזם איז ענטשטאנען נאך דאן, ווען מיר האבען געמוזט פערלאזען ציון און פערטריבען געווארען אין גלות. דער בעגריף גלות בעדייט פאר אונז נישט נאר גויט און פערפאלגונגען נאר אויך היימלאזונקייט. מיר פערשטעהען גוט, גלייך ווי אנדערע ציוניסטען, וואס מארשירען אונטער'ן פאהן פון טעאדאר הערצל, דאס די פאליטישע און עקאנאמישע אונאפהענגיגקייט איז אונבעדינגט נויטווענדיג פאר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל. מיר געהען אבער נישט קיין ציון צוליב דעם, וואס מיר ווילען האבען א יודישע פאליטיק נאר דערפאר. וואס מיר ווילען ציון אויפבויען, פוהרען מיר א פאליטישע טעטיגקייט. נישט די רעפובליק, נישט דער אויפבוי-פראצעס איז דער ענדע-ציל פון אונזערע שטרעבונגען, דאס זענען נאר וועגע און מיטלען, וועלכע פוהרען אונז צום ווירקליכען ציל: א יודישע מלוכה און יודישען גייסט, א יודיש לאנד, וואו גאט'ס געבאט איז די העכסטע מאכט. דעריבער זענען אונז וויניגער ווי אלע אנדערע ריכטונגען פון ציוניזם נויטיג טעארעטישע דיסקוסיעס. יעדער מזרחיסט געפינט אין דער תורה און אין תלמוד די ריכטליניע פון זיין שטרעבונג. אלס בעווייז דאס אונזער ציל וועט פערווירקליכט ווערען קען דינען דער פאקט, דאס דער ציל געפינט אלץ מעהר אנערקענונג ביי די יודישע מאסען. עס איז נישט קיין צופאל דאס די בעדייטענדסטע רבנים און פוהרענדע פערזענליכקייטען פון די קהלות געהערען צו אונז און זייער צאהל שטייגט. פון פיל זייטען ווערט שוין איצט אנערקענט דאס דער „מזרחי" בולדעט דעם צענטר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, מען בעטראכט אונזער וועג אלס דעם גאלדענעם מיטעל-וועג, מיר אונטערשטרייכען אבער דאס מיר האבען נישט געזוכט קיין מיטעל-וועג, מיר גלויבען, דאס מיר געהען מיט'ן אלטען, איינציג געטרויבעגעם וועג פון יודענטום, דעם וועג פון אונזערע אבות בעת בארג סיני פון די יודישע מלכי-ציון פון אונזערע גרויסע חכמים פון תלמוד, און שפעטער פון די, וואס זענען געגאנגען אויף די שייטערהויפענס פאר זייער גלויבען. דאס וואס געפינט זיך אויף רעכטס און לינקס פון אונז איז געשאפען געווארען ערשט שפעטער אין לויפענדע יאהרהונדערטער, אונזער אויפפאסונג פון וועזען פון יודענטום בולדען דעם פעסטען מיטעל-פונקט, ארום וועלכען ס'גרופירט זיך אלץ דאס אנדערע. געוויסע קרייזען פערשטעהען אונזערע רעליגיעזע און טראדיציאנעלע געפיהלען, זיי בעגרייפען אבער נישט דעם, וואס איז אנ'ארגאנישער טייל פון אונזער רעליגיעזער אויפפאסונג, דער יודישען נאציאנאליזם. אין אנדערע קרייזען אנערקענט מען דעם נאציאנאלען געדאנק פון יודישען פאלק, עס פעהלט אבער די פערשטענדניש פאר די יסודות פון דער יודישער תורה און טראדיציע. מיר גלויבען, דאס מיר האבען בעסער בעגריפען דעם וועזען פון יודענטום ווי די בעדיי דערמאנטע ריכטונגען. אונזערע נשמה איז נישט צוריסען, זי נעמט ארום דאס גאנצע יודענטום. דאס רעליגיעזע און אויך דאס נאציאנאלע. מיר, וואס שטעהען אין מיטעלפונקט, הערען מיר אין זיך דאס ווארט פון אלמעכטיגען, וואס איז אויסגעדרוקט געווארען דורך די נביאישע רייד פון ישעיהו: „הויב אויף דיינע אויגען און זעה ווי זיי קומען אלע און זאמלען זיך ארום דיר".

עס איז שוין נישט ווייט די צייט, און דאס זענען מיר מיר איבערצייגט, דאס די אלע, וואס דריקען שוין איצט אויס זייער אנערקענונג פאר אונזערע פראקטישע לייסטונגען אין ארץ ישראל, וועלען אויך בעגרייפען און אונטערשטיצען דאס אורעאלען אינהאלט פון אונזערע שטרעבונגען. אונזער האפנונג געהט נישט נאר אין דער ריכטונג דאס מיר וועלען אין די ראהמען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע געווינען אלץ מעהר אנהענגער, מיר גלויבען אויך, דאס די אלע, וואס האבען נאך ביז איצט נאך נישט געפונען זייער וועג צום ציוניזם וועלען איצט מיט אונז צוזאמען בעטייליגען זיך אין ארץ ישראל-אויפבוי ווען עס איז שוין געקומען די צייט דאס אויך נישט-ציוניסטען זאלען דורך דער יודישער אגענץ לייסטען פאר'ן ארץ ישראל אויפבוי איז דאך געווים דער וועג אפען פאר די הונדערטער טויזענדער אנדערע יודען, ביי וועלכע עס איז טיף אין הארצען איינגעוואורצעלט דאס גלויבען און דער היילינער מוסיג פון יודענטום, וואס וואס פערווירקליכט ווערען נישט דורך יחידים אדער גרופען, נאר דורך דאס גאנצע יודישע פאלק.

דעריבער ערווארטען מיר פון די מיליאנען יודען, וועלכע גלויבען מיט שטאלץ אין דער יודישער צוקונפט און היטען אפ מיט אפפערווילונקייט, די יודישע דינים, דאס יודישען שבת און יום-טובים, דאס זיי וועלען ענדליך איינזעהן דאס דער אויפבוי פון ארץ ישראל און די אויפרעכטונג פון יודישען פאלק איז אזא וויכטיגער טייל פון דער תורה און יודישען געזעץ ווי פיל אנדערע ערבייטען. וואס ווערען אויסגעפוהרט דורכ'ן מזרחי און ארץ ישראל. די דאזיגע ערצעט און דער אנשלוס אן אונזער ארגאניזאציע איז א פליכט פון יעדען יודען.

דאס סוף פון הרב בערלינ'ס ערעפנונגס-רעדע וועלען מיר ברענגען אין מארגענדיגען נומער.

אזוי ווי די צייהן דארף מען רייניגן טעגליך, אזוי דארף אויך עפעמאלט צוליב היגיענישע טעמים און צו פערהיטען די פיס פון א קראנקהייט טעגליך זיי צו וואשען, צוגעבענדיג אין וואסער 1 לעפעלע
Sól do nóg Jana
שטימענדע רעזולטאטען. אריגינעל נאר מיט דער שוץ-מארקע „Słoń"
איבעראל צו בעקומען.

ווען איהר געהט אריבער די גאס,

קוקט מיט אפענע אויגען; איהר קענט בלייבען אנ'אומגליקליכער קאליקע, אדער גאר געפינען דעם טויט.

היט זיך, מען זאל אייך נישט איבערפאהרען!

אין די רייכסטע רובינען-גרובענס פון דער וועלט

דער שוועדישער געאלאג סאנדעלין האט לעצטענס פערעפענטליכט זיינע איינדרוקען וועגען דער נסיעה צו די בערוהמטע געהיימניספולע איידעלשטיינער-גרובען פון די בורמאנער מלכים. אין די דאזיגע גרובען געפינט מען די שענסטע רובינען פון דער וועלט די אזוי-גערופענע „טויבענבלוט-שטיינער", וועלכע וואקסען ארויס פון זאמד.

דער געאלאג בעשרייבט זיין נסיעה, וועלכע ער האט אנגעהויבען אויף דעם עקספרעס-דאמפער, וואס פאהרט אונטער דעם מעכטיגען טייך איראוואדי. אויף דעם דאמפער האט ער דערגרייכט די אונטערסטע הויפט-שטאט פון בורמא מאנדאלאי. אויפ'ן וועג אהין האט ער בעזוכט די פריהערדיגע רעזידענץ פון די בורמאנער מלכים, פאגאן, מיט אונרע צעהן טויזענד פאגאדעס (בודיסטישע טעמפלען). די כראניק בעשרייבט, אז איין בורמאנער מלך פון דרייצענטען יאהרהונדערט, וועלכער איז בעדראהט געווען פון דעם כינעזישען קייזער, האט געלאזט אראפרייסען צוויי טויזענד פאגאדעס און מיט זייערע שטיינער און ציגעל האט ער פערפעסטיגט די שטאט-מויערען; אבער נישט קוקענדיג אויף דעם זענען נאך גענוג פאגאדעס געבליבען.

די הערליכע לאגע פון דער קעניגליכער שטאט מאנדאלאי און איהר לעגענדארישער פראכט איז שוין אפט בעשריבען געווארען דורך בעריהמטע רייזענדער, אבער מיט דער דאזיגער רעזידענץ פון די מלכים זענען אויך פערבונדען א סך טרויעריגע זכרונות. אזוי זענען למשל איינמאל דארטען פופציג מאן לעבעדיגערהייט בעגראבען געווארען פאר דעם קעניגליכען פאלאץ, ווי א סגולה נעגען שדים און רוחות. אין די אכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט זענען נאך 600 קרבנות בעגראבען געווארען אלס שוץ נעגען שדים, ווייל די פריהערדיגע לעבעדיג-בעגראבענע האבען מעהר נישט געווירקט. איצט קומען שוין, פערשטעהט זיך, אזעלכע גרויזאמקייטען מעהר נישט פאר, ווייל ענגלאנד פאסט אויף דעם אויף.

פון מאנדאלאי פאהרט מען מיט'ן דאמפער ביז דער שטאט טאבייקין, פון דארטען — מיט'ן אויטאמאביל קיין מאגאק, דעם רייכסטען ארט אין דער וועלט מיט רובינען און סאפירען. מאגאק געפינט זיך הויך אין די בערג.

די רובין-גרובען פון מאגאק זענען נישט נאר די שפע'דיגסטע, נאר אויך די עלטסטע פון דער וועלט. שוין אין זעקסטען יאהרהונדערט, ווען בורמא האט נאך געהערט צו כינא, ווערט שוין מאגאק דערמאנט. אין טויזענד יאהר ארום זענען די גרובען אריבער צו די מלכים פון בורמא און זייט דעמאלט זענען זיי ארומגעהילט געווארען מיט א גרויסער געהיימניספולקייט. אין משך פון דער גאנצער צייט ביז איבער-בורמא איז בעזעצט געווארען דורך די ענגלענדער, האט קיין אייראפעער אונטער דער סכנה פון טויט נישט געטארט בעטרעטען מאגאק. נאך דער אקופאציע מצד ענגלאנד זענען די פריווילעגיעס פון די אלטע בורמאנע מלכים אריבער צו דער ענגלישער קרוין און די ענגלישע מלוכה האט איבערגעגעבען די קאנצעסיע פון די גרובען דער געזעלשאפט „בורמא ראבי מיינס קא".

די איידעלע און האלב-איידעלע שטיינער, ווי רובינען, סאפירען, בעריל, טורמאלינען א.א.וו. ווערען אין מאגאק געפונען אין קרישטאלענישע קאלכשטיין שיכטען. מאגאק איז איינגאנצען ארומגערינגעלט מיט א סך קאלכשטיין-בערג, אבער אין די בערג לוינט זיך נישט צו גראבען, ווייל מען געפינט דא נישט קיין סך שטיינער. דעריבער ווערען בעארבייט נאר די לויזע אפלאגערונגען, וועלכע בילדען זיך פון דעם קאלכשטיין. די דאזיגע זאמד-אפלאגערונגען ווערען געפונען אין די טאל-נידערונגען און אויף די בערג-אפהאנגען, און די נאטור האט שוין א האלבע ארבייט אפגעטאן דערמיט, וואס דער ווינד און די וואסערשווענקען גראבען און וואשען אראפ די לייכטערע בעשטאנדט-טיילען.

די מעטאדע פון די ענגלענדער בעשטעהט אין דעם, וואס זיי שווענקען דורך די דאזיגע זאמד-אפלאגערונגען מיט קראפטיגע וואסער-שטראמען. די אויפגעלעזענע מאסע ווערט אויפגעזויגען דורך א מעכטיגען זויג-פומפע און דערמען, אין דער פומפע, ווערט די מאסע סארטירט: די גרעסטע טיילען ווערען אויסגעטיילט און די בלאטע דורכגעזופט מיט גרויסע זיפען, און פון דערמען זוכט מען ארויס איידעלשטיינער מיט די הענד.

פערשטעהט זיך, אז די ארבייטער ביי די איידעלשטיין-גרובען ווערען אויפ'ן אויפמערקזאמסטען אופן אויפגעפאסט. אויף די איינגעבוירענע בורמאנער פערלאזט מען זיך ווי משה, נאר מען שטעלט אומעטום ענגלישע משגיחים, אבער נישט געקוקט אויף דעם גאנצען אפהיטען און אויף די אלע שטרענגע זיכערונגען טרעפט זיך זעהר אפט, אז א ווערטפולער שטיין ווערט פערלוירען. און אזעלכע פאלען קומט מען אן צו דער הילף פון רענטגען. לעצטענס איז מען געפאלען אויף א המצאה און מען טוט אן די ארבייטער מאסקעס פון א פויגעם דראט-נעץ מיט א שלאס אויפ'ן פנים. זינט דעמאלט האבען שטיינער אויפגעהערט צו פערשווינדען, די ארבייטער האבען מעהר נישט די מעגליכקייט זיי צו פערשלינגען.

זייט ביי זייט מיט דער ענגלישער געזעלשאפט ווערען אנדערע גרובענס בעארבייט אויך דורך די איינגעבוירענע, וועלכע פערמאגען קאנצעסיעס פון דער רעגירונג. די איינגעבוירענע ארבייטען לויט פרימיטיווע מעטאדען. אלע זייערע געצייג, אנגעהויבען מיט'ן באמבוק-פומפ און געענדיגט מיט'ן וואש-קארב, ווערען געמאכט מיט דער האנד. די דאזיגע פרימיטיווע איידעלשטיין-גרעבער זענען מחויב צו צאהלען שטייערען די ענגלענדער.

עס זענען אויך פאראן זעלבסטשטענדיגע וועשערינס, וועלכע בעקומען — אדער נעגען א קליינעם אפצאהל אדער פאר נאר אומזיסט — די ערלויבניש דורכצוּוואשען דעם אויבערגעבליבענעם שטויב, וואס פליסט ארויס פון די גרויסע גרובען. די דאזיגע איינגעבוירענע לויגען ביי די אפפלוס-ערטער און גושטערן לארטען בסדר מיט זייערע זופלער און אויך מיט די הענד, און דערביי רויבערען זיי קורצע ליעדלעך. זיי זענען זעהר ארבייטסזאם, די מענער פון בורמא זענען אבער שטארק פויל און זוכען אויסצומיידען ארבייט. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אז די פרויען פערנעמען אין בורמא א חשוב'ן ארט, פיל אנגענעהמער ווי ערגעץ אנדערשוואו אין דעם גאנצען מזרח.

ווי משונה'דיג דאס זאל נישט קלינגען — די ענגלישע עקספלואטאציע געזעלשאפט געפינט זיך שוין אין משך פון צוויי יאהר אין ליקווידאציע, ווייל די הכנסות האבען נישט בעפרידיגט די ערווארטונגען. אבער דאס נעשעהט נוט צוליב דעם, וואס מען געפינט וועניג איידעלשטיינער, פערקעהרט: מען געפינט דארט זעהר פיל. אבער די דיאמאנטען-גרעבער האבען ענטוויקעלט א שטארקע קאנקורענץ פאר די רובינען. אויף דער וועלט-בערזע פון די איידעלשטיינער האט דער דיאמאנט איצט שוין כמעט איינגאנצען ארויסגעשטופט דעם רובין.

—0—

[ל]אדזער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אוונט.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

„Lodser Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. pocz. 1[…]
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

[ד]י ווימרינע
[או]ן די פאליציס.

[ד]ער 1-טער ווילנער יריד איז, ווי מען זאגט עס, „פאר עקספלאנס" א סא[…]נאל־יריד. ער, צוזאמען מיט'ן גרויסען פויזנער אלפוילישען לאנד-יריד, וואס [ווערט] געפלאנט אויפ'ן קומענדיגען יאהר, דארפען עס אונטערציהען א ממשות'דיגען [סך] אונטער די עקאנאמישע רעזולטאטען פון דער מאי-רעגירונג. מארשאלעק [פילסו]דסקי האט געגעבען לכתחילה דעם ווילנער יריד זיין פראטעקטארישע ברכה און […] אויסגעהערט ארויסצוּווייזען זיין פערזענליכע אינטערעסירונג מיט דער ווירטשאפטליכער [ק]אנצענטראציע אין זיין בעליבטער ווילנע.

[…]יאהר נישט רעכטצייטיג איז דעריבער געקומען דער בעריכט פון „דעם [ב]אנק-פון" ביי דער פוילישער רעגירונג" ה' טשארלס דעווי, וועלכער ענטהאלט [ה]נעהאלטענע, אבער גרינדליכע קריטיק פון דער פוילישער עקאנאמיק.

[ד]י קריטיק, ווי געזאגט, איז איינגעהאלטען, מחמת ה' דעווי איז דאך פארט [א בא]אמטער פערזאן, אבער איהר שפיץ איז געווענדעט נעגען דער רעגירונג. […]ן ווירטשאפטליכע לעבען אין פוילען, פערמאגט ביי איהר גרויסע נאטירליכע [ר]עכטען איין חיבשען פעהלער: עס פעהלט ארגאניזאציע.

[ד]אס איז ערגער ווי אין טאטען. די אמביציע פון די מלוכה-רודערער ביי […] טאג איז גראד די ארגאניזאציע און דיסציפלין. די לאזונג: אויפ[…]עש קייט" איז אויפגעהויבען געווארען אין נאמען פון אלגעמיינעם מלוכה[־אינטער]עס, פאר וועלכען אלע מוזען ארבייטען. דער „קאנקורס פון ארבייט" איז [ווי ס']וויז אויסגעהאנגען אין אלע מלוכה-אמטען. אמעריקאנישע פינקטליכקייט איז [געווא]רען דער ביישפיל, און אין די קעפ פון פערשידענע פראיעקטען-מאכער, [וועלכע] זענען אויסגעוואקסען ווי שוואמען נאך א מאי-רעגען, האבען זיך געבאמ[ערט] פאשיסטישע מוסטערן פון ארגאניזירען דאס עקאנאמישע לעבען.

[א]רדנונג און ארבייט — מיט די צוויי ווערטער איז געקומען די סאנאציע [צו רע]גירען אונזער צעשרויפטע מלוכה-מאשין.

דער פאקט, וואס בעאונרוהיגט דעם ה' דעווי איז נישט אזוי דער פאסיווער [האנד]עלס-בילאנס, ווי דאס וואס דער פעריאד פון פאסיווקייט פערציהט זיך צו [לאנג] און עס דראהט מיט א סכנה דער סטאבילירטער וואלוטע.

די סיבה איז דאס, וואס די פראדוקטיווע מיטלען אין לאנד ווערען נישט [גענוג] אויסגענוצט. פוילען, דאס לאנד פון בהמות און פעל האט אין יאהר […] אריינגעפיהרט פאר 62 מיליאן רויהע פעל און פאר 90 מיליאן לעדערנע [פאב]ריקאטען. דאס איז 40 פראצענט פון דעפיציט. אין דער טעקסטיל-איני[דוסט]ריע איז נישט בעסער. אין פערגאנגענעם יאהר האט מען אריינגעפיהרט פאר [… מי]ליאן בוימוואל-סחורה, פאר 48 מיליאן בוימוואל און פאר 63 מיליאן וואל — [צוזא]מען 141 מיליאן — 37 פראצ. פון דעפיציט. אין לאנד פון הורים האט מען [אין יא]הר 1927 אריינגעפיהרט פאר 49 מיליאן פעטס.

דאס ארויסשטופען דעם אימפארט — מיהרט אויס דער אמעריקאנער פאכ[מאן] — איז אנ'אינטעליגענטע זאך און די איצטיגע מניעות זענען אזעלכע, אז [עס] וואלט זיי געקענט גובר זיין דורך א בעסערע ארגאניזאציע און מעטאדע.

[ווי] האלט עס אבער מיט דעם דאזיגען גובר זיין?

די פוילישע אינדוסטריע איז אין א סך בראנזשעס איהרע פויל, שלעכט ארגאניזירט, אויסגערעכענט אויף לעכטע רויבערישע פערדינסטען אויפ'ן חשבון פון [די] קאנסומירענדע, שלעכט בעצאהלטע ארבייטער און קאנסומענטען, בעטעלט ביי רעגירונג הילף און צאלשוץ, האט נישט קיין חשק צו אינוועסטיציעס און צו [פ]ערבעטערן דעם איינריכטונגען בעברויך; די הערן אינדוסטריעלער און גוטבעזיצער האבען בעוויזען צו בעהערשען די היפטיגסטע עקאנאמישע פאזיציעס [פון לא]נד און שטרעבען צו רעגירען מיט דער רעגירונג — האט איז זיי איבעריגער געהערגזאם — זענען אין דער ערשטער ריי שולדיג אין דעם פאסי[וו־בי]לאנס. די מלוכה, וואס האט אין איהר רשות דעם קרעדיט, וואס פיהרט אן [מיט] דער צאל-פאליטיק, וואס רעגולירט די באהן-טאריפען און שטעלט שטייערן, אין איהר האנט אלע מיטלען צו צווינגען אונזער אינדוסטריע און לאנדווירט[שאפט] צו די נויטיגע אינוועסטיציעס און צו רעארגאניזירען זיי פאר די בעדער[פ]עשען פון אינערליכען געברויך.

דאס האט שוין דירעקט אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן שולדיגען אין דער [פוילישע]ר ארגאניזאציע. דאס איז די רעגירונג. און ווער בעדענקט עס נישט, ווי די [פי]הרער זענען מיט דריטהאלבען יאהר צוריק געקומען מיט'ן לאזונג: אויס פאר[…] איינגעאָרדנען די עקאנאמיק.

דאס הילפט אונז אלזא לערנען די אויסשטעלונגען, וואס ווערען אלץ עפטער [און] עפטער אוועקגעשטעלט. אז דער פרינציפ פון עקאנאמיק האט ביי אונזער [רעגיר]ונג איבערגעהויבען די פאליטיק — און עס ווערט געארבייט, נישט געפאל[ק]ס. קומט ה' דעווי און מאכט קלאר דעם פאראד און זאגט, אז אויסשטעלונג אויסשטעלונג און ציפערן זענען ציפערן. אז אין ווירקליכקייט איז אלעס און אויף [פאל]יטיק עפעס אנדערש.

[…] אין צו ערן א חערבה קשיא: צי איז טאקע באמת די אפיציעלע עקא[נאמיק] — דער קרעדיט, דאס שטייער-וועזען די צאל-טאריפען — אינגאנצען פרייע [פ]אליטיק?

J.

[ר]יכטער מעק ארויסגעטרעטען פון קאמיטעט [פ]ון דער פעראייניגטער ארץ-ישראל-קאמפאניע אין אמעריקא

[ני]ו־יארק (יט"א) ריכטער יוליאן [מעק], וועלכער געהערט צום „פערבאנד [...] ארגאניזאציע" פון די אמעריקאנער ציו[ניסטי]שע ארגאניזאציע" און ארויסגע[טרעט]ען פון דאמיטעט פון דער פעראייניגטער ארץ ישראל-קאמפאניע און אמעריקא. ריכטער יוליאן מעק איז געווען ערשטער-וויצע-פארזיצער פון דער ארץ ישראל קאמפאניע.

לאָדזער כראָניק.

אַ נייעס אין שטעטישע שעכט-הויז.

(ג) אין שטעטישע שעכט-הויז אויף דאָווידאָנסקאַ איז אוצט איינגעפֿירט געוואָרען אַ נייעס. דער דאָקטאָר פֿון שעכט-הויז האָט, נאַטירליך, בעפֿוילען, אז די שחיטה פֿון גסות מוז פֿאַרקומען אויסנעמענדיג 9 פֿריה, בעת ביז אוצט פֿלעגט מען שעכטען 11 פֿאַרמיטאַג. ביי די שוחטים האָט די דאָזיגע פֿעראָרדנונג אַרויסגערופֿען אַ צערודערונג; זיי האַלטען, אז אַזוי איז נישט אויס-פֿירבאַר, און זיי האָבען בעשלאָסען מכח דעם צו אונטערוועגענען, כדי מען זאָל די שחיטה אָפּלעגען כאָטש אויף 10 פֿריה.

אויך איז אין דעם שעכט-הויז אַ נייעס דאָס, וואָס מען לאָזט נישט אַריין אין שעכט-הויז די מוטנלידער פֿון ראַ-בינאַט. זיי מוזען שטעהן אינדרויסען, ביז דער דאָקטאָר בעווילגט אותם צו געבען אַ „פּוּשעפּוסטקע".

„טשערעזוויטשייקא" האָט איהם געצוואונגען חתונה צו האָבען

משיכאָווער פּראָצעס פֿאַר ביגאַמיע אין לאָדזער קרייז-געריכט.

(ג) אין 1918 איז דער 18-יעהריגער יוסף סמאָלסקי פֿון לאָדז געפֿאָהרען קיין רוסלאַנד און ער איז אין קראַג-שטאָט אריינגעטרעטען אין דער רויטער אַרמעע. דאָרט האָט ער זיך פֿאַר כמאָ'ריקי'ן געפֿעגט אַנ'אמת'ער גו-ערל, אז ער האָט וועגען אַלעס, וואָס עס האָט מיט אותם פֿאַרגעקומען פֿרי-הער, אינגאַנצען פֿערגעסען. מיט לביגג האָט ער זיך בעקענט מיט אַ געוויסען כאַיאַ יאַלענאָווסקי. דער רוסישער חבר האָט סמאָלסקי'ן צוגעפֿיהרט מיט זיין שוועסטער יוליא; סמאָלסקי האָט זיך, ווי דער שמייגער איז, און דער רוסי-שער „גראָזשראַנקע" פֿערליבט און האָט אונגזלען געפֿייערט די חתונה מיט איהר.

אין 1922 איז סמאָלסקי צוזאַמען מיט זיין רוסישע פֿרוי געקומען קיין פּוילען אויף אַ לעסט-רייזע. דאָ האָט ער זיך בעקענט מיט דער 17-יעהריגע פֿרבילין זאָפֿיא פּיאַסקאָווסקאַ, פֿאַר וועלכער ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס קאַוואַליער און מאַכט צוליב איהר האָט ער אָפּגעשלעפּט מיט זיין צוריק-פֿאָהרען קיין רוסלאַנד.

עס זענען אוועק איינגע חדשים און סמאָלסקי האָט, כלומרשט אַלס קאַוואַ-ליר, בשתיקה חתונה געהאַט מיט דער יונגינישקער פּיאַסקאָווסקאַ. נאַטירליך, אַז אויך זיין ווייב נומער 1 האָט וועגען דעם נישט געטאָרט וויסען און צו דעם צוועק האָט ער זי משלח געווען קיין ווילנא צו זיין ברודער, וועלכער האָט די רוסישע שוועגערין זיינע אויפֿ-גענומען מיט אָפֿענע אָרעמס.

וואָס סמאָלסקי שוין חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל און אפֿילו געקריגען אַ הופֿשען נדן, וואָס האָט אותם געגעבען די מעגליכקייט ארומצודרעהען זיך לעדיג — איז אותם פֿערגאַנגען דער אַפּעטיט צוריקצופֿאָהרען קיין רוסלאַנד. אָבער וועגען דעם האָט כסדר געמאַהנט זיין ערשטע ווייב מיט דעם רוסישען בלוט און די אָדערן. נאַטירליך, אַז דאָס ווייבעל נומער 2 האָט געצויגען אחערצו — ער איז געשטעלט געוואָרען אין אַ פֿערלעגענהייט, און האָט דעריבער בעש-שלאָסען אַ סוף צו מאַכען צו דעם פֿער-פֿלאָנטערטען קנויל, וואָס ער האָט פֿער-וויקעלט. ער האָט דעריבער דעם ערש-טען ווייב אָפּגעזאָגט, אז ער וועט נישט צוריקפֿאָהרען מיט איהר קיין רוסלאַנד, ווייל ער האָט אַ צווייטע פֿרוי, אַ פּוילישע, וועלכע איז אותם נעהנטער צום האַרצען...

די רוסישע פֿרוי האָט סמאָלסקי'ן געמאַכט אַנ'אוואַנטורע, אָבער עס האָט איהר ווייניג געהאָלפֿען. סמאָלסקי האָט זי אָפּגעהרג'עט און פֿערלאָזען. צוליב דעם האָט זי איהם אַנגעקלאָגט און גע-רופֿט פֿאַר ביגאַמיע.

די טעג איז פֿאַרגעקומען דער פּראָצעס און די אויבענגעבראַכטע פּרטים זענען מיר פֿון בעשולדיגונגס-אַקט.

דער אַנגעקלאַגטער סמאָלסקי האָט זיך מודה געווען אז האָבען צוויי ווייבער און גערעכט, אז אין 1919, ווען ער האָט פֿערלאָזט סאָוויעטן-רוס-לאַנד האָט זיין ווייבס ברודער פֿאַקטיש אותם געוואָלט אַרעסטירען אין „משערעז-וויטשייקע", אויב ער וועט נישט חתונה האָבען מיט זיין שוועסטער. נישט האָ-בענדיג קיין ברירה האָט ער אונטער דער נאָהענטקייט פֿון דער „טשערעזוויטש-קע" געמוזט בעל-כרחו חתונה האָבען מיט זיין ווייב נומער 1, אָבער ליבער איז אותם דאָס ווייב נומער 2, די פּוי-לישע.

דאָס געריכט האָט אותם פֿאַר זיין דאָזיגען פּוילישען „פּאַטריאָטיזם" ניט געגעבען קיין לינט און בעקעלט אותם פֿער'משפּט אויף 2 יאָהר תפֿיסה פֿאַר ציוויל-ווייבעריי.

—o—

אַ קאָפּיע פֿון אַ פֿערד

(§) אויף זגערושער 26 האָט נעכ-טען דער סוחר חערש מאַריאַנאָפּאָלסקי בעקומען אַ קאָפּיע פֿון אַ פֿערד. פּאָגאָ-טאָוויע האָט אותם ערטולט תולך און אותם אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאַל.

די עפֿענטליכע מיינונג

פֿרייע טריבונע פֿאַר אַרטיקלען, בריף און רעדאַקציע און בעמערקונגען וואָס האָבען אַ געזעלשאַפֿטליכען אינטערעס, פֿאַר וועלכע די רעדאַקציע נעהמט נישט איבער די פֿעראַנטוואָרטליכקייט.

אָפֿענער בריף צו דער קהלה פֿערוואַלטונג

ביים איבערנעהמען די מאַכט אין דער קהלה האָט ה' מינצבערג אין זיין עקס-פּאָזע פֿאַר די פֿאָרשטעהער געזאָגט, אז ער וועט פֿיהרען די אַרבייט אין דער קהלה שטרענג פּאַרלאַמענטאַריש. די קהלה וועט דינען די אינטערעסען פֿון אַלע פֿראַקציעס און נישט פֿון איין פּאַרטיי. ער האַלט דעריבער דעם בוד-זשעט פֿאַר 1927-28 פֿאַר אַ היסטאָרי-שען.

ווי אַזוי פֿרעגט. מינצבערג האַלט וואָרט בעווייזען זיינע האַנדלונגען אין דער קהלה.

די יודישע בעפֿעלקערונג פֿון גמער'ס ראָיאָן בעמיהט זיך שוין צוויי 2 יאָהר צו בעקומען אַ סובסידיע פֿון דער קהלה פֿאַר אַ נייעם בית-הכנסת און פֿאַר אַ בנין פֿון אַ תלמוד-תורה מיט אַ האַנד-ווערקער-שול, וואָס וועלען געבליבען אַלס אייגענטום פֿון דער קהלה. אָבער די איצטיגע קהלה-פֿערוואַלטונג האָט די פֿאָדערונג וועגען אַ סובסידיע אָפּגעוואָר-פֿען. די ת"ת שומרי הדת אין גמער'ס ראָיאָן וואו עס לערנען זיך קינדער בעקומט אַ קלענערע סובסידיע ווי „יסודי התורה" (אגודת'שע) וואו עס לערנען זיך ווייניגער קינדער. אָט די שטרענג-פּאַרלאַמענטאַרישקייט פֿון ה' מינצבערג.

יע, ה' מינצבערג, דער בוחר איז אָנגעצונדען „און פֿלאַק" שלום, און געכרעם ווי דער רעד די פֿערוואַלטונג אויסגעדריקט אין וואָס סאַקי בלייבען אַ היסטאָרישער בעווייז ווי ערליך די אגודה חבית'ווע אין דער קהלה. דער נאָר וועגען די עולות, אגודה טוט דער יוד. בעפֿעלקערונג ראָיאָן. די עולות וואָס אנדערע אינסטיטוציעס און טען זענען דוכט זיך נישט קלענער.

אין נאָמען פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג פֿון גמער'ס ראָיאָן פּראָטעסטיר איך געגען דער האַלטונג פֿון דער קהלה.

פּרנס מאיר פֿלא…

אַרבייטסלאָזע וועלען ווייטער בעקומען די שטיצע

אינטערווענץ ביים אַרבייטס-מיניסטער

(§) ווי בעקאַנט איז לויט אַ פֿעראָרד-נונג פֿון אַרבייטס-מיניסטער פֿון 31 יולי אַ גרויסע צאָהל אַרבייטסלאָזע אין לאָדזער וואָיעוואָדזשטווא אָפּגענומען גע-וואָרען די שטיצע. די דאָזיגע אַרבייטס-לאָזע האָבען זיך דעריבער געפֿונען אין זעהר אַ פֿערצווייפֿעלטער לאַגע. אַ דעלע-גאַציע פֿון דער קרייז-קאָמיסיע פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען איז דערי-בער אַרויסגעפֿאָהרען קיין ווארשא אונטערהאַנדלען ביים אַרבייטס-מיניס-טער. די דעלעגאַציע, וואָס איז בעשטאַ-נען פֿון העגאַטאַר דאַנילעוויטש און ה' וואַלטשאַק האָט אָפּגעגעבען אַ ענטשפּרע-כענדען מעמאָריאַל וועגען דעם. די דעלעגאַציע האָט פֿאָרגעשטעלט מיניסטער די פֿערצווייפֿעלטע לאַגע און וועלכער ס'געפֿינען זיך די לאָדזער אַרבייטסלאָזע און דער מאַגיסטראַט האָט נישט קיין מיטלען צו שעפֿען אַלע אַרבייטסלאָזע צו געבען לוכע אַרבייטען. די דעלעגאַציע האָט דעריבער געבעטען דעם מיניסטער די שטיצע זאָלען ווייטער בעקומען די אַרבייטסלאָזער, פֿאַר וועמען דאָס איינציגע מיטעל אויף חיונה. מיניסטער האָט צוגעזאָגט צו ערפֿילען די בקשה.

אַ משוגענער אונטערגעצונדען אַ ווייצען-פֿעלד.

(§) אַ אויסערגעוועהנליכער צופֿאַל האָט נעכטען פּאַסירט אין דאָרף מי-קאַרלווו הינטער קאַליש. פֿון אַ אומבע-קאַנטער סבה האָט זיך אָנגעצונדען אַ פֿעלד פֿון 2 מאָרגעס ווייץ, וואָס געהער דעם ווירט יוזעף דורומקאַ. די 2 מאָר-געס ווייץ זענען אינגאַנצען פֿערברענט געוואָרען. די אויספֿאָרשונג האָט פֿעסט-געשטעלט, אז דאָס פֿעלד איז אונטערגעצונדען געוואָרען דורך דער 15 יאָהר…נער מאַריאַנאַ צאָזני, אַ משוג…

געכאַפּט דעם שווינדלער יאַקובאָווסקי

דער הונגער האָט איהם פֿערטריבען פֿון זיין פֿערהעלטעניש אין וואַלד

די 5,000 זל. האָט מען ביי איהם נישט געפֿונען

(§) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט האָט דער סעקרעטאַר פֿון פֿעראיין פֿון די טעזשן-אַרבייטער אויף פֿאָרלעשנע 28 אַרויסגענומען כאָטש 5000 זל. און איז אַנטלאָפֿען. נעכטען איז דער שווינדלער אַרעסטירט געוואָרען בײַ אויסערגע-וועהנליכע אומשטענדען: 4 פּאַרטאַגעס און אַ פּאָליציאַנט פֿון זגערזש געגאַנגען אַרום וואַלד. פּלוצלינג האָט ער דערזעהן אין עפּעס אַ פֿאַרשוין נעמט נור זיך דערוואַטשערן. ער האָט אותם געהייסען שטעהן בלייבען דראָהענדיג צו שיסען. דאַן האָט זיך דער פֿאַרשוין געשטעלט. געפֿרעגט וועגען זיין נאָמען, האָט ער געזאָגט, אז ער הייסט אַנטאָני וואָליצקי: היות ער האָט בײַ זיך קיין פּאַס נישט געהאַט, האָט דער פּאָליציאַנט איהם אָפּגעפֿיהרט אין זגערזשער קאָמיסאַריאַט דאָ האָט דער עלטערער פּשאָדאָווניק גראַבאָווסקי דערקענט אין איהם דעם שווינדלער יאַקובאָווסקי. וואָרענגרוג צו-געשוועכט צו דער וואַנד, האָט ער זיך מודה געווען, אז ער איז דער געוועזע-נער סעקרעטאַר פֿון פֿעראיין פֿון די טעזשן-אַרבייטער. דאָ האָט ער דער-צעהלט, אז תיכף נאָכ'ן אייננעהמען פֿון פֿעראיין, איז ער אַוועק קיין זגערזש, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען אין וואַלד. אַזוי איז ער אָפּגעלעגען בעהאַלטען אין וואַלד עטליכע טעג, נישט האָבענ-דיג וואָס צו עסען.

דער שטאַרקער הונגער האָט אותם פֿערטריבען פֿון זיין פֿערהעלטעניש, האָט ער פֿאַרטאַגס געוואָלט געהן צו די פּויע-רים בעטען ברויט, אָבער דאָ האָט דער פּאָליציאַנט אותם געכאַפּט.

בעת דער רעוויזיע האָט מען בײַ איהם געפֿונען בלויז 1 זל. וואו ער האָט אהינגעטוהן דאָס געגנב'עטע געלד ווייס מען נישט. ער טענה'ט, אז ער האָט עס פֿערלוירען. ער איז איבערגעפֿיהרט געוואָרען אין דער אויספֿאָרשונגס-תפֿיסה אויף קאָפּערניק גאַס.

שאָפֿערען פֿון די שטאָטישע פּאָגאָטאָוויע דראָהען מיט אַ פּראָטעסט-שטרייק.

(§) משעתן האָט די פֿערוואַלטונג פֿון פֿערבאַנד פֿון די אַרבייטער און די עפֿענטליכע אינסטיטוציעס „פּראַצאַ" זיך געווענדעט מיט אַ בריף צום מאַגיס-טראַט, פֿאָדערנדיג צו רעגולירען די לוינען פֿון די שאָפֿערען בײַ דער שטאָ-טישער פּאָגאָטאָוויע. היות ווי עס זע-נען שוין פֿערבײַ 5 חדשים און דער מאַ-גיסטראַט האָט אויף דעם בריף קיין תשובה נישט געגעבען, האָט דער פֿער-באַנד „פּראַצאַ" נאָך אַמאָל געשיקט אַ בריף צום מאַגיסטראַט, אין וועלכען עס ווערט געדראָהט מיט אַ צוויי שעה-דיגען פּראָטעסט-שטרייק פֿון די פּאָ-גאָטאָוויע - שאָפֿערען אויב זייערע פֿאָ-דערונגען וועלען נישט נאָכגעגעבען ווע-רען.

משוגע, מטורף, כי לעולם חסדו

געזעהען און געהערט אין „לונאַ-פּאַרק"

אַ וואוילע שטעטעל-לאָדז, געקרעכצט און געוועהן אַ געוויסער טוריסט, ווען ער האָט בעזוכענדיג לאָדז — געזאָגט: „אין לאָדז ליגט געלד אין די גאַסען, מ'דאַרף עס נאָר וויסען ווי אַזוי אויפֿצוהויבען". אָבער נישט מיר לאָדזער. דער לאָדזער זעהט דאָס נישט. דאָס זעהט נאָר דער פֿרעמדער, דער צוגערייזטער.

און פֿאַקטיש איז עס אַזוי. דער לאָד-זער איז תמיד פֿערשמעכט, פֿערהאָרע-וועט מיט קאַמבערן און בוימוואָל, מיט מאַניפּולאַציעס און קאָמבינאַציעס, מיט וועקסעלעך, מיט דיסקאָנטעס. דער לאָד-זער האָט שוין אַזאַ טבע: צו פֿערדרעהען יעגעם און זיך מיט. אָבער ווי אַזוי זיך צו כאַפּען צו אַ פּנים בײַנדעל, ער זאָל קענען ענטפּאַפֿען אַ „שעפֿערק", ער זאָל זעהן ווי אַזוי אויפֿצוהויבען דאָס געלד וואָס וואַלגערט זיך אין די גאַסען — צו דעם טויג נישט דער לאָדזער. צו דעם זענען בריות נאָר פֿרעמדע, אויסלענדער. אַזוי איז עס געווען חשבון אַ יאָהר מיט'ן קלודסקי-צירק. און אַזוי איז עס הײַ-יאָהר מיט דעם

„לונאַ-פּאַרק".

וואַקסען פֿון אונזערע לאָדזער האָלט דאָס געקענט אײַנפֿאַלען, אז אין דער שטאָט וואו דאָס גאַנצע לעבען איז אײַנ-געשטעלט און אויסגעשטעלט אויף פּ-חדשים'דיגע וועקסלען, אז אין לאָדז, וואו די קוראַנטסטע אַרטיקלען בעקומט מען מיט'ן בלויזען „סינגער". אז דאָרט, וואו מ'לאַכט זיך אויס פֿון דעם השמר לך פּן (היט די פּען) לאַכט מען זיך אויס, און יעדער, וואָס האָט נאָר אַ וועקסעל-בלאַנקע — דעם בעשיט מען מיט „פּעק-לעך" — אז אין דעם דאָזיגען בע'וועק-טעלטען לאָדז, זאָלען קומען פֿרעמדע מענשען, און גראָד נישט מיט „הידוע-ווער טויזענדער", און מיט דעם דאָזיגען „אַרטיקעל" זאָל מען אַנציהען דעם אמת'ן עולם, און גראָד אַ קאַסטע-עולם!...

דער „לונאַ-פּאַרק" איז נישט קיין פּאַרק מיט בוימער, מיט בלומען — דער „לונאַ-פּאַרק" שמעקט מיט גאָר עפּעס אַנדערש... דאָס האָט אַ שייכות מיט ספּאָרט, און היות, ווי ספּאָרט איז היינט אַ זעהר מאָדערנער און גאַנגבאַרער אַרטיקעל, האָבען דאָס די מאַכערס פֿון דעם „לונאַ-פּאַרק" פֿערשטאַנען ווי אַזוי און מיט חשבון מיטלען צוזוציהען און צו פֿעראינטערעסירען דעם ברייטען עולם.

אין טאָקע דאָרט אין דעם „לונאַ-פּאַרק" יעדען אַנדערער ליחודים.

פֿאַר'ן אַרײַנגאַנג אויפֿ'ן דאַמבראָווסקי-פּלאַץ שטופּט מען זיך און מ'שטויסט זיך ווי צו אַ בײַ וואַונדער. חגם, דער אַרײַנ-גאַנג איז זעהר צוגענגליך — איינגאַנצען אַ פּאָר גראָשען. דערפֿאַר אז איהר קומט אַרײַן אין דעם ליכטיגען, מיט טויזענדער עלעקטרישע לעמפּלעך בעלויכטענעם גאַ-רדען-תחתון - דאַרפֿט איהר כסדר נעהמען צו „פּתיחות"—איהר מוזט כסדר עפֿענען דעם בײַטעל. און ווער קען דאָס בײַ-שטעהן דעם נסיון און זיך נישט לאָזען אַרײַנציהען אין דעם גהינום-קעסעל.

אז איהר פֿאַלט אַרײַן אין דעם „לונאַ פּאַרק" הויבט אײַך אָן שווינדלען פֿאַר די אויגען און צו גרילצען אין די אויער-ען פֿון די קאַרוזעלען מיט די קאַטער-ינקעס. איהר ווערט אַ פֿערצאַפּעלטער קוקענדיג בלויז אויף די מענשען וואָס פֿליהען ווי באַלעם'ס אין דער לופֿטען. ס'ווערט אײַך קאַלט און וואַרים קוקענדיג ווי דערוואַקסענע מענשען קולערען זיך אויף די שווינדעל-בריקען, ווי פֿרויען און מענער ווערען אַראָפּגעשלײַדערט פֿון אַ צעהן מעטער'דיג הויכער טרעפּ ווי שפּענדלעך.

די ריטש-באַהן

די הויפּט-אַטראַקציע אין דעם „לונאַ-פּאַרק" איז דער „פּעלץ-מעלץ-באַלאַץ", אַ שיפֿע טרעפּ, וואָס ווערט געטריבען פֿון אַ טראַנספּאָרטער. דער פּאַטאַק נעהמט אַמאָל אַרויף, אַזוי, אז יעדער וואָס שטעלט נאָר אַ פֿוס אויף דער טרעפּ מאַכט גלײַך אַ קאָזשקליק מיט די פֿיס אין דער הויך, איינער פֿליהט אַרויף אויפ'ן קאָפּ, אַ צווייטער—אויף די הענט, אַ דריטער—דרעהט זיך ווי אַ ווינד-מיהל, אַ פֿירטער קולערט זיך ווי אַ פֿעסעל. מ'כאַפּט זיך אויך אַ מאָל, אז אַ שווערע יודענע לאָזט זיך אויף דער גליטש, און אז דיק - בהמיגע יודענע נעמט מאַכען איהרע „עקזערצען" פֿלאַצט דער אונטער-שטייענדיגער עולם פֿון געלעכטער. (און זאָל אונז אַהין ווענג די לויבט זײַן צו זאָגען, אז די דינער אויף דער דאָ-זיגער ריטש-באַהן בענעהמען זיך צו די בעזוכער זעהר ברוטאַל, וואָס די דירעק-ציע האַלט זיך געדאַרפֿט בעמיהען צו ענדערן).

„ספּ. מאַריע".

דאָ האָט איהר חידער אַ זאַקאָפּאַנער באַרג, אויף שיטאָס פֿון אַנ'ערך דרײַסיג מעטער הויך פֿליהען שליטענס מיט מענשען אויף בויגען. דאָ זעהט איהר מענער, פֿרויען, מיידלעך, אַלץ פֿליהט פֿון דעם באַרג אײַנער אונטער דעם אַנדערען, און כדי דעם אימפּעט פֿון די שליטענס צו פֿערהאַלטען, פֿליהען זיי אין אַ באַרג פֿון האָלץ-זעגעכץ. קומען זיי טאַקע פֿון דעם זעגעכץ אַרויס ווי אַ געטער האָהן פֿון אַ דעק פֿעדערן.

שרים-באַהן

ס'איז גענוג אַ קוק צו טון, ווי דער-וואַקסענע מענשען זעצען זיך מקריב פֿאַר'ן ספּאָרט. עפּעס ווילדע מענשען האָבען אויסגעטראַכט, אז לאָדזער מענ-שען לעדען אויף נערווען, אז איהר קוקט זיך צו אויף דעם ווילדען גייעג פֿון דער לופֿט-באַהן, ווי די וואַגענס לויפֿען אויף דינע, שמאָלע שינעס ווי ווילדע רוחות און טײַוולאָנים, אז איהר קוקט אַרויף אין דער הויך, ווי די מענשען אויף דער לופֿט-באַהן ציטערן און פֿלאַטערן פֿון שרעק, אז איהר זעהט די „פּאַרלעצר" האָט געהען ארום פֿון אַזאַ לופֿט-נסיעה, ווי זיי זענען טויט ווי די מתים, און דאָס ווילען זיי נאָר חמיזון זמער „העלדיש-קײַט", אז זיי זענען נישט קיין „טרופֿקעס", מוזט איהר זאָגען: פֿרײַער די מענשען זענען געזיהרט אויפ'ן שכל, פֿרײַער די מענשען האָבען אַוועקגעגעבען.

טייוועל-מיהל

דאָ זעהט איהר שוין מעהר „סטאַ-טעשנע" מענשען. ס'לויפֿט שוין נישט מיט אַזאַ ווילדקײַט, לאַנגזאַם בעוועגט זיך די מיהל. אין יעדען קאַרב זיצט זיך בנעימות אַ פּערל. אַזוי קערבלעך אונ-טערן צאַמײַטען. די קערבלעך בעוועגען זיך אַרום און אַרום ווי אַ ווינד-מיהל. אָבער קיינער קוקט נישט אויף דער לאַנגזאַמער מיהל, ס'איז נישט „זשימנאַ-יענבע" — ס'שמעקט נישט מיט סכנת נפֿשות...

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער—

ליכט-קאַרוזעל „גאַנדאָל"

דאָס איז שוין סתם אַנ'ענין פֿאַר זקנים און עבר-בטל'ניקעס, פֿאַר יונג-ווארג האָט זי נישט קיין שום אינטערעס. ראשית איז דאָרט ליכטיג, אַ ים מיט ליכט. די דאָזיגע קאַרוזעל קריכט ווי אַ שנעק, נאָך אַ צוויי, דרײַ רונדעס הערט זיך אַ קלינג און אַ סוף! דאָ האָט איהר דערצײַגט פֿערד'לעך, טאַ-טעלעך און אײַזעלעך, קאַטשען און בריטש-קעס, די קאַטערינקע שפּילט צו צום טאַקט, און אַזוי דרעהט זיך די שווערע מושב-זקנים-קאַרוזעל...

לופֿט-הוישדאַווקעס

דערפֿאַר איז די לופֿט-הוישדאַווקע שוין נישט פֿאַר זקנים, אַ גייעג פֿון שרים און מזיקים. די הוישדאַווקע פֿליהט מיט אַזאַ אימפּעט, אז איהר זעהט שוואַרצע רעדלעך פֿאַר די אויגען. אין פּאָנעם ברען דאַכט זיך אײַך אויס, אז דאָס דרעהט זיך אַ פּראָגעסיוו-ראַד געטריבען פֿון מעכאַנישען קראַפֿט. און בעת מעשׂה יאָגט פֿון דער הוישדאַווקע אַ חיוּנד ווי פֿון אַנ'עראָפּלאַן שנעל-צוג. נאָך גוט, וואָס אַזאַ „ראַזשעמיצבעניק" געזוליעט אינגאַנצען טעגליכע סעקונדען...

זאַקאָפּאַנע

גאָר בעטראַכטען איז די זאַקאָפּאַנער באַהן. דאָ פֿאָהרען שוין מענער מיט אַחנעכטע פֿרויען, דאָס איז נאָר פֿשוט — אַ פּראָמענאַד. דער חילוק איז נאָר, וואָס אויפ'ן פּראָמענאַד קאָסט נאָר 25 גר. און מ'קען אָפּפֿאָהרען אַ האַלבע שעה. און דאָ, אויף דער זאַקאָפּאַנער באַהן קאָסט 50 גר. און מ'פֿאָהרט סך-הכל — אַ מינוט...

לעבעדיגע פֿערד

אָבער מהנה נישט, אז דער „לונאַ-פּאַרק" האָט בלויז טויטע קאַרוזעלפֿערד, ס'איז אויך דאָ לעבעדיגע פֿערד (מיר מײַנען נישט די בעזוכער (חלילה...) אויך דאָ איז פֿאַראַן אַ בעזונדערע קאַסע, אַט האָט איהר צוויי אַלטע פֿערד (אַ פּנים אַז זיי האָבען שוין בעקומען מקריסות אין אַ צירק) און אַ קלײַן אײזעלע. זעהט איהר דאָ אויף די פֿערד ריטענדיג אַלטע גויים. יודען מיט בערד, בחורים'לעך מיט פּאָת'לעך, שיקסעס, דער שמייסט אונטער, די קאַטערינקע קלעט צו צום טאַקט, די סוסים קוים די רגלים און דער עולם „באַחייעט" זיך גאָר לײַטיש.

אַ חוץ די אַלע קאַרוזעלעס און טײַוועל-באַהנען, בערג און — פֿעהלט אויך נישט אַנדערע „קרעס", אַ גאַנצער „מאַגאַזין קאַרלאַ לכל הפּחות—צאַפּאַ. דער עולם מ'„גאַביראָבע" מיט פֿערשידענע לאָ-טעריעס": אויף איין לאַטעריע מען אויף אַ — טעהוועלע „פֿאַר שאָקאָלאַדע, אַנדרזשעווא—אויף אַ רע, אויף אַ פֿלעשעל עפּעל-ווײַן אנדערע „וואָרשפּאָלע" געווינטשען שטעהט דער עולם אַרום דעם חבר וואָס האַלט אַ „דרשה" פֿאַר'ן עולם, עפֿענען פֿאַמעליך די טוטעטערלען ס'פֿליהט אַ זלאָט נאָך אַ זלאָט.

אַ חוץ די דאָזיגע „גליקען" איז דאָ פֿערשידענע „אַפּאַראַטען", זיך. איינער מעסט די קראַפֿט הענד, אַ צווייטער—די לונגען, אין מ'בלאָזט, מ'האַרפֿט רעדלעך באַלעמלעך. די געשרײַען פֿון טאָריט-מאַכער'ס מישט זיך אויס געוואָלדען פֿון די ריטש-באַהן-און טײַוועל-קאַרוזעלעס. אַ געדור טומל, אַ געפּילדער. בײַ יעדער אַ געפּילדער און געשרײַ. יעדער געניסען פֿון דעם ביסעל לונאַ עולם הזה. יעדער חיל חמיזן, איז נישט פֿון אונטערן אויומען אַ…

עט דאָס איז אין קורצען שוין גהשמענה דער „לונאַ-פּאַרק. מיר האָט עס אויסגעזעהן, ווען זיך דאָרט געפֿונען: משוגע, מטורף, כי לעולם חסדו.

אב—נ…

אויפ'ן יאטקע קלאץ...
שענדליבער אנפאל פון יודישע קצבים אויף א שוצלאזער פרוי.

(ג) איף וואלאדניא גאס איז געלעגען אן'אפקט פון הפקרות, וואס האט נישט זיין גלייכען אפילו אין אונזער צושרויפטער צייט; נאך מער פערדרוס לוזר איז, וואס די דאזיגע הפקרות איז אויבגעפיהרט געווארען דורך יודען געגען אן'אונבעהאלפענער יודישער פרוי, וועלכע ראנגעלט זיך אונצט אין שווערע יסורים צוליב די קלעפ, וואס זי האט בעקומען פון די ידי יעקב".

די געשיכטע איז אזעלכע.

9 פרוה איז אין דער יאטקע פון יודישען קצב גראנסקי (וואלאדניא 41) ארייננעקומען דער פליישהורטאוונוק משה סראקא מיט זיינע צוויי שותפים. די הורטאוונוקעס זענען געקומען מאהנען א חוב פון 64 זל., וואס איז זיי געקומען פון דעם קצב גראנסקי. גראד איז אין דער יאטקע געשטאנען פלוין פרוי גראנסקא, וועלכע האט פערקויפט פלייש. זי האט דערויבער ערקלערט דעם ה' סראקא און זיינע שותפים, אז אוהר מאן איז נישטא און זי ווייסט נישט וועגען קיין חוב. אויב זיי ווילען, קאנען זיי ארויסקומען שפעטער, ווען אוהר מאן וועט שוין זיין.

די הורטאוונוקעס זענען נאך דעם ענטפער געווארען מלא חימה, זיי האבען אנגעהויבען שרייען און ענערגיש געפאדערט, מען זאל זיי תיכף געבען די 64 זל. פערשטעהט זיך, אז די פרוי האט זיי נישט געקאנט ערלעדיגען אהן אוהר מאנ'ס הסכמה. צוליב דעם, האט ה' סראקא געשטערט דער פרוי גראנסקא צו האקען פלייש פאר די ווארטענדיגע קונים, האט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן יאטקע-קלאץ און מיט די הענד אנגעהאלטען די וואג, כדי מען זאל נישט קאנען אפוועגען קיין פלייש. די יונגע קצב.טע איז דאן געבליבען א הילפלאזע און די קונים האבען זיך צוגעקוקט צו דער אונאנגענעהמער סצענע. ווי מען פונדט זיך פון די הענד... אבער דאס איז נאך געווען ווענוג פאר דעם ה' סראקא און זיינע שותפים. בחוזק-יד האבען זיי אהעקגעשטויסען די פרוי גראנסקא פון דעם טיש, כדי זיך צו לאזען צום שופלאד מיט געלד. די פרוי האט צו דעם נישט געוואלט דערלאזען. זי האט געשטעלט אנ'ענערגישען ווידערשטאנד. דאס האט שטארק צורייצט די סרעדוטאוערען פון די 64 זל. און האבען די יונגע, שוואכע פרוי דערלאנגט אזעלכע קלעפ, אז זי איז געפאלען אין חלשות. די קונים פון געוועלב, ווי אויך דער צוגלויפענער פערזאמעלטער המון, וואס האט דערהערט די געשרייען פון דער געשלאגענער פרוי גראנסקא חאבען זיך געווארפען אויף דעם ה' סראקא און זיינע מיטהעלפער און זיי געוואלט לינטשען.

אבער ווי קרעפטיגע פארשוינען האבען זיי זיך בהרף-עין ארויסגעמאלט פון דעם אויפגערעגטען המון, און זיינען נעלם געווארען.

עס איז תיכף אלארמירט געווארען די פאנאטאוויע, וועלכע האט די פרוי גראנסקא דערמונטערט און זי אפגעפיהרט אהיים אין א שווערען צושטאנד. די פרוי האט אבער צו זיך נישט געקאנט קומען. מען האט גערופען איינוגע דאקטוירים, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט שווערע פאלגען פון שטארקע קלעפ, וואס די פרוי האט בעקומען. די פרוי ליגט אונצט קראנק צו-בעט.

איינוגע דאקטוירים האבען צוגלייך געשטעלט אבדוקציעס, וואס זענען צוגעלעגט געווארען צו דעם פאליצייאישען פראטאקאל, וואס איז צוגלייך געשטעלט געווארען וועגען דער רציחה, און איז שוין איבערגעגעבען געווארען דער פראקוראטור.

זעלבסטמארד

(§) געלטען אוונד האט זיך פער-סמ'ט מיט יאדינע אויף שוו. יאקובא 13 דער 58-יעהריגער יוזעף קאקאשקא, א היימלאזער. פאגאטאוויע האט איהם אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

סוחרים-פעראיינע פראטעסטירען געגען צו הויכע גמינע-עטאט פאר'ן יאהר 1928.

ווי מ'טיילט אונז מיט, האבען די הויגע סוחרים-פעראיינען און האנד-ווערקער-קלובען בעשלאסען צו פראטעסטירען געגען דעם בעשלוס פון דער לעצטער קהלה-ראט זיצונג, וועלכע האט אהן א קוואָרום בעשלאסען פעסטצושטעלען דעם מאקסימום-עטאט 5 טויזענד זל.

אין די פראטעסטען ווערט אנגעוויזען אז אין יאהר 1925 איז דער מאקסימום עטאט געווען 150 זל. און דערביי איז דער בולאנס אפגעשלאסען געווארען מיט 30 טויזענד זל. אנ'עודף. און אין יאהר 1927 איז דער מאקסימום-עטאט געווען טויזענד זל. און אונצט, ווען די סוחרים זענען גענוג בעלאסטעט מיט אנדערע שטייערן, האט דער קהלה-ראט פערגרעסערט דעם עטאט פאר'ן יאהר 1928.

די טעג וועלען די פראטעסטען צוגעשוקט ווערען צום ראש פון דער קהלה-פערוואלטונג.

עקסהומאציע צוליב חשד פון פערגיפטונג.

(§) בשעתו האט דאס לאדזשער קרייז-געריכט בעטראכט דעם פראצעס פון א געוויסער פאולינא רעקס, וואס איז אנגעקלאגט געווארען צו האבען פער'סמ'ט אוהר מאן אנדזשעי. דאס קרייז-געריכט האט דאן די אנגעקלאגטע בעפרייט. אבער דער פראקוראר האט פערקלאגט דעם אורטייל און אפעלאציע-געריכט אין ווארשא, וואס האט לויט'ן אנווייז פון פראפעסאר גזשוווא-דאמבראווסקי בעפוילען דורכצופיהרען א עקסהומאציע פון טויטען קערפער. געלטען איז די דאזיגע עקסהומאציע דורכגעפיהרט געווארען. דעם רעזולטאט וועט מען מיטטיילען דער מלוכה'שער אנשטאלט פאר פארשען די אונגעחויד.

טעלעפאן-רעהרלעך פערשפרייטען קראנקהייטען

(§) דער מלוכה'שער אנשטאלט פאר הוגיענע אין לאדז האט דורכגעפיהרט א באקטעריאלאגישע אונטערזוכונג פון די טעלעפאנישע שפראך-רעהרלעך און עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער טייל, אין וועלכען מען רעדט ארויין, איז מסוגל אנצושטעקען מיט געפעהרליכע קראנקהייטען, אויב עס רעדען קראנקע מענשן. דער געזונדהייטס-אמט דער וואיעוואדזשטווא, האט דערויבער ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, אז אין אלע מלוכה'שע און קאמונאלע אמטען זאלען די דאזיגע טיילען בעזייטיגט ווערען פון די רעהרלעך.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע
ווען וועט זי זיין טעטיג?

די לאדזשער שטאט-סטאראסטווא מאכט בעקאנט, אז אויף פאמארסקא 18, 8.30 פרוה וועלען זיין טעטיג צוגאב פאבאר-קאמוסיעס און פאלגענדע טערמינען:

פאר די, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 5, 9 און 11 קאמוסאריאטען — דעם 12 סעפטעמבער, 12 אקטאבער, 12 נאוועמבער און 12 דעצעמבער.

פאר פערזאנען, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 קאמוסאריאטען — דעם 28. סעפטעמבער, 29 — אקטאבער, 28 נאוועמבער און 28 דעצעמבער.

צו די צוגאב-פאבאר קאמוסיעס דארפען זיך שטעלען די יונגעלייט פון די יאהרגענג 1905, 1906 און 1907 און אויך בעריאנען פון עלטערע יאהרגענג, וואס האבען נאך ביז אונצט נישט רעגולירט זייערע מיליטער-ענינים און אויך די, וואס האבען פאר א יאהרען בעקומען אדראטשענעס.

גלייכצייטיג מאכט די שטאט-סטאראסטווא בעקאנט, אז דעם 28 אויגוסט וועט קיין פאבאר-קאמוסיע נישט זיין טעטיג און די וואס זענען בעשטומט געווארען אויף צו שטעלען זיך דעם טאג, דארפען זיך שטעלען דעם 28 סעפטעמבער.

נאכט-דיזשורען אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען

ס. עפשטיין, פעטריקאווער 225; מ. בארטאשעוויטש, פעטריקאווער 95; מ. ראזענבלום, צגעלנאס 12; גארפונקעל, וואלבארסקא 54; י. קאפראווסקי, נאווא-מיעיסקא 15.

וואו איז חיים בארעצקי?

קלמן בארעצקי פון מאנטעראל ווענדעט זיך צו אונז מיט דער בקשה צו פערעפענטליכען, אז ער זוכט זיין ברודער חיים בארעצקי פון סטאדאלניאנא 10 לויט זיינע לעצטע ידיעות איז ער פון דארט אויסגעמאלדען געווארען דעם 9 נאוועמבער 27 און איבערגעפיהרט געווארען אין ראדאגאשטער שפיטאל. ער בעט יעדען איינעם וואס ווייס עפעס וועגען זיין ברודער אוהם צו מעלדען.

קאנטאר מיטעלבערג דאווענט אין „הזמיר".

ווי מיר ווערען געוואויר ערדענט איצט די פערוואלטונג פון „הזמיר" אין די קומענדיגע ימים-נוראים אין איהר ניי-רעמאנטירטען לאקאל א טראדיציאנעלען מנין. אלס חזן איז אנגאזשירט געווארען דער בעקאנטער לאדזשער קאנטאר ה' מיטעלבערג.

ה' מיטעלבערג וועט דאוונען מיט א גוט-אויסגעשטודירטען כאר.

מאפעצירער שטרייקען נישט

(—) ווי עס טיילט אונז מיט דער פראפעסיאנעלער פעראיין פון האלץ-ארבייטער, האבען די מאפעצירער נישט ערקלערט קיין שטרייק. די ידיעה וואס דאס פרעס-ביורא האט פערשפרייט איז אהן יסוד.

פערזאמלונג פון פריזיר-מייסטער

(—) היינט 8 אוונד קומט פאר אין לאקאל פון האנדווערקער-פעראיינס פערבאנד פאלודניאווא 4 א פערזאמלונג פון די פריזיר-מייסטער. אויפ'ן סדר-היום געפינען זיך א רייהע אקטועלע פראגען, ווי רעגיסטראציע, וועגען שטרענג אפהיטען די ארבייטס-שעה'ן און וועגען פער איינוגען ביידע פריזיר-מייסטער-פעראיינען.

פרעז. זשעמיעניצקי האט קיין אונטערהאנדלונגען מיט נ. פ. ר. נישט געפיהרט

(—) אין שייכות מיט דער ידיעה, וואס ס'איז בעוויזען אין „גאזעטא ווארשאווסקא פאראנא" און איז דערנאך איבערגעדרוקט געווארען אין א רייה פראווינץ-צייטונגען, אז דער שטאט-פרעזידענט בראניסלאוו זשעמיעניצקי זאל זיך פלומר'שט האבען בעטייליגט אין די אונטערהאנדלונגען מכח שאפען א נייע פאליטישע פארטיי, זענען מיר בעפולמעכטיגט געווארען דורכ'ן שטאט-פרעזידענט ה' זשעמיעניצקי, וואס וויילט אוצט אין אויסלאנד, צו ערקלערען, אז די דאזיגע ידיעה איז לחלוטין פאלש. ה' זשעמיעניצקי זיינענדיג א מיטגליד פון פפ"ס'ישען הויפט-ראט האט קיין שום אונטערהאנדלונגען וועגען מיט די פיהרער פון נפ"ר לעוונוגע נישט געפיהרט.

„ווידזעווער מאנופאקטור"
וויל נישט נאכגעבען

נעכטען חאט דער ארבייטס-אינספעקטאר זיך פערשטענדיגט מיט דער דירעקציע פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור" מכח'ן שטרייק און דער שפינערע. די פארשטעהער פון דער פירמע האבען ערקלערט, אז אויף קיין שום הנחות וועלען זיי נישט איינגעהן. די ארבייטער-פארשטעהער האט דער ארבייטס-אינספעקטאר דעם רעזולטאט נאך נישט מיטגעטיילט.

28 ארבייטער-הייזלעך
וועלען פערטיג זיין צום וואוינען דעם 15. סעפטעמבער

(פ) די קאלאניע פון ארבייטער-הייזלעך, וואס ווערט געבויט בוים קאמיטעט פון די אינדוסטריעלער אויף חוי לעגנסקו גאס, האלט שוין בוים פערענדיגט ווערען.

28 הייזלעך געפינען זיך שוין אונטער'ן דאך, 75 פונדאמענטען חאלטען בוים פערענדיגט ווערען און ביז'ן 15 סעפטעמבער וועלען 28 הייזלעך אפגעגעבען ווערען דעם עפענטליכען געברויך ענטשפרעכענד לויט'ן אפמאך וועט דען יעדע וואך פערענדיגט 7 הייזלעך, אזוי, אז דעם 1. יאנואר וועט די גאנצע קאלאניע פון 100 הייזלעך זיין פערטיג. איבער א יאהר וועט דער קאמיטעט צוטרעטען צו בויען א צווייטע און גרעסערע קאלאניע.

א חוב פון 3000 רובל
בערעכענט אויף 10,773 זל.

(§) א כאראקטעריסטישען פראצעס האט די טעג בעטראכט דער לאדזשער קרייז-געריכט. א געוויסע יוליא סאקאלוק האט אייננעקלאגט די יורשים פון גדליה גרונבערג צו בעצאהלען אוהר א חוב פון 3000 רובל, וואס איז געווען פערזיכערט אויף דער היפאטעק און אויך די פראצענטער פאר'ן חוב 7 פראצ. יעהרליך פאר 5 יאהר צייט. צוזאמען פאדערט זיך פרוי סאקאלוק א סומע פון העכער 10 טויזענד זל.

די יורשים האבען פערלאנגט, אז מען זאל די סומע בערעכענען וועגען ווייל זיי געפינען זיך אין א שלעכטען מאטעריעלען צושטאנד, אבער היות וזיי האבען קיין גענוגענדע בעווייזען נישט צוגעשטעלט האט דאס געריכט צוגע'משפט צו בעצאהלען דעם חוב מיט פראצענטער.

א מאדנער טראף מיט א לאדזשער איינוואוינער

(פ) מיט איינוגע טעג צוריק איז אין לאדז געשטארבען דער איינגעוואנדערער פון פריזיר-סאלאן אויף פעטריקאווער 4, בראניסלאוו גאזדעצקי, מיט'ן טויט פון גאזדעצקי'ן זענען פערבונדען טשיקאווע געשעהענישען. וואס האבען פאסירט מיט א וואך צוריק. מיט א קורצער צייט צוריק איז געשטארבען גאזדעצקי'ס א ברודער. דאס האט אויף אוהם געמאכט א שטארקען רושם און זייענדיג שוין אין די עלטערע יאהרען האט ער בעשלאסען זיך צו פערזיכערן אין די לעבענס-יאהרען זיינע א רוהיגע עקזיסטענץ. ער האט דאן אפגעמאכט מיט זיינעם א אנגעשטעלטען פריזיר, אז ער זאל איבערנעמען די רעזירע און גאזדעצקי'ן צאהלען 100 זל. א וואך. מען האט געמאכט א נעהעריגען קאנטראקט און די זאך איז דורכגעפיהרט געווארען. אבער איידער נאך דער אנגעשטעלטער האט בעוויזען צו צאהלען די ערשטע ראטע, איז גאזדעצקי פלוצלונג קראנק געווארען און געשטארבען. אזוי ארום איז דער אנגעשטעלטער געבליבען ביי דער רעזירע, נישט בעצאהלענדיג קיין פרוטה.

איך שטורעם פון ליידענשאפטען.

שפאנענדער ראמאן, פול שטורמענדע איבערלעבונגען און ליבעס-אוואנטורעס.

(115-טע פארזעצונג)

— וואס ווילסטו טון, טויגעניכטס? — האט גערדהיים געפרעגט.

עוואנס האט געשוויגען.

— יה, טו. וואס איך האב דיך געהייסען! — האט ער דרייען בעפוילען — ווארף א הם ארויין אין גרוב!

עוואנס איז געוועזען גליקליך, וואס ער איז לויז געווארען פון גערדהיים'ס שטרענגע אויגען.

אהנמעכטיג, מיט געשלאסענע אויגען איז מאקנעל געלעגען אויף דער שוועל, און קאט איז געווען ערקענטבאר אויף זיין ברוסט.

— גלייך אין גרוב ארויין! — האט גערי געזאגט.

— איינער, געהענדיג צום גרוב וועלען מיר בעגעגנען די פאליציאנטען און דאן וועלען מיר דאך אלע ווערען ארעסטירט. טוב, וואס איך היים אייך, לאמיר דראפטראגען אין קעהלער, אבער גלייך, שוין, נאר אין קעהלער!

סילווער און גערי האבען אויפגעהויבען דעם געבונדענעם, אהנמעכטיגען מאקנעל און איהם אראפגעטראגען פון די טרעפ, וואס האבען געפיהרט צום קעהלער.

עוואנס איז געגאנגען פאראויס און בעלויכטען דעם וועג.

4-טער קאפיטעל.

די נעגעריז דזשעסי

מיט וואונדערליכער געדולד איז דזשעסי געלעגען טאג און נאכט און געקוט, ער ביז יעצט האט זי קיין זאך נישט בעמערקט.

שפעט אין אוונד האט דזשעסי דערזעהן ווי א פרוי אין א וואואל איז ארויסגעגאנגען.

די שווארצע האט געוואלט נאכקוקען, וואו זי געהט.

נאר אין זעלבען אויגענבליק איז די פרוי פערשוואונדען אין דער טונקעלקייט צווישען די בוימער.

נאכגעהן האט דזשעסי נישט געקענט, דען זי האט געקריגען דעם באפעהל צו זיין דא אויפ'ן באלקאן און אכטונג געבען.

פלוצלונג האט זי זיך גענומען איינהערען.

שטילע, האלב-פערשטיקטע שטימען האבען זיך דערהערט פון ווייטענס.

— דזשעסי! — האט מען פלוצלונג אויסגערופען.

זי האט דערקענט דאס קול. עס איז געוועזען סאם, דער שווארצער פאליציאנט, וועלכער האט זי גערופען און וועלכער איז יעצט געקומען צוזאמען מיט רידער'ן.

דזשעסי איז אויפגעשפרונגען און שטיל ווי א קאץ איז זי אראפגעלאפען פון די טרעפ.

— איז עמיצער געקומען אהער? — האט רידער געפרעגט.

— קיינער איז נישט געקומען, סער — האט דזשעסי געזאגט

— דו האסט נישט גוט געהיטען! — האט רידער בייז געזאגט — דו ביסט געשלאפען.

דזשעסי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— איך שווער דיר, אז קיינער איז נישט געקומען — האט זי געזאגט — נאר נישט לאנג איז א פרוי ארויס פון הויז.

— א פרוי אין א שווארצען וואואל?

— יא, זי האט געטראגען א שווארצען וואואל.

— זי איז אוועקגעגאנגען! — האט רידער בייז געזאגט.

און דער אייגענטימער פון דער פערמע איז נאך נישטא. האסטו אפשר פער עמיצען עפעס געזאגט?

— נאטשאלניק, פאר דזשעסי'ן וועל איך שווערען, אז זי וועט עס נישט טון,

— אפשר האט זי עס געטון דורך אנ'אונפארזיכטיגקייט?

דזשעסי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— מיך האט קיינער נישט געזעהן — האט זי געזאגט — אויב דער ווירט איז געקומען ווייס איך נישט.

— וואו זינגט מען דאס? — האט סאם פלוצלונג געפרעגט.

— דאס איז די לאמב-וואך — האט דזשעסי געענטפערט.

— סער. איך וועל ארעונגעהן אין הויז און וועל זעהן, אויב דער אייגענטימער איז שוין געקומען — האט סאם פארגעלעגט — וועל איך געפינען, וועל איך אייך געבען א סיגנאל. וואס אנבעלאנגט מיין פארזיכטיגקייט, קענט איהר זיך אויף מיר פערלאזען. יעצט — האט ער צוגעלעגט אראפווארפענדיג די שיך פון די פיס

— וואס מען פייגט טרייט נישט דערהערען.

— עס איז נאך אלץ אונבעוואוסט, אויב מאקנעל איז די פרוי אין שווארצען וואואל, אדער דאס איז די צווייטע — האט רידער געזאגט — מאקנעל איז דא אין דער געגענד. דאס איז בעשטימט און איך גלויב, אז ער איז עס געוועזען די פרוי, וואס דזשעסי האט פריהער געזעהן.

— איהר קענט דערווייל ארומזוכען, סער, פילייכט וועט איהר מאקנעל'ן געפינען — האט סאם געענטפערט — דזשעסי וועט געהן צוריק אויפ'ן באלקאן און וועט היטען, נאכדעם וועלען מיר זיך ווידער צוזאמענטרעפען, ווען מען זאל מיך אפילו זעהן, וועט קיינעם נישט איינפאלען, אז איך בין א פאליציאנט.

רידער האט איינגעשטימט. ער איז אוועק צווישען די טונקעלע בוימער זוכען מאקנעל'ען און די צחוס אלטע בעקאנטע, סאם און דזשעסי זענען אוועק צום באלקאן.

דזשעסי איז פערבליבען אויפ'ן באלקאן און סאם איז אריין אין הויז. די „לאמב-וואך" האט אזוי הויך געזונגען און געלאכט, אז זיי האבען נישט געהערט, ווי די טיר האט זיך געעפענט.

זיי זענען געזעסען און געטרונקען און איין פלאש נאך דער אנדערער איז אויסגעליידיגט געווארען.

סאם איז געבליבען שטעהן אונטען אויף די טרעפ און זיך גענומען איינהערען.

— געלד וויל איך! — האט גערי געשריגען — געלד, דאס מוז איך האבען, דאס, וואס מיר קריגען דא צו עסען און טרינקען איז ווייניג. וואס האבען מיר דערפון! גערדהיים איז אנגעשטאפט מיט געלד און מיר געהען ארום אהן פעניג!

— וואס וועט ער אונז טון, אז מיר וועלען איהם צונעמען דאס גאנצע געלד, וואס ער פערמאגט? — האט סילווער געשריגען. ער איז נאר איינער און מיר זענען דריי.

— איהר האט פאלגען, וואס איך וועל אייך הייסען! — האט עוואנס געשריגען.

— אויב עס וועט נאר זיין א גוטער פלאן, ווי ארויסצוקריגען געלד, דאן וועלען מיר טון, וואס דו וועסט אונז הייסען! — האט גערי און סילווער אויסגערופען.

סאמול, וועלכער האט בעטעט יעדעס ווארט געהערט, און וועלכער האט געוואלט זעהן די דריי קעלנער, האט שטיל און פארזיכטיג גענומען געהן אויף די טרעפ.

ווען ער איז ארויף העכער האט ער זיך אנידערגעלעגט און גענומען געהן אויף אלע פיער.

אויבען אין דעם האלב-בעלויכטעטען צימער, פון וועלכען די טיר איז געווען האלב אפען, זענען די דריי באנדיטען געזעסען און געטרונקען.

(פארזעצונג קומט.)

ווענען אל"ע
אמנעסטיע-
ענינים

אינפארמירט און טרעפט דאס ביורא
„ארגוס“, זאכאדניא 36.

הייזער-
פערוואלטונגען

מיט גלייכצייטיגער ערלעדיגונג פון שטייער-זאכען איבערנימט
גוט פראקטיצירטער פערוואלטער, בעסטע רעפערענצען.

Ch. Regenwetter

Häuserverwaltungen & Bücherrevisionen
Berlin S. 14, Alte Jacobstr. 47.
Telefon: Dönkoff 4337.

מעכאנישע שלאסערי און שווייסערי

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11/13

אנגענומען פון פערשידענע מאשינען-רעפאראטורען און אוטאגענישע שווייסונגען. באמ.: צום סעזאן פערטיג איך אויס טורבי- און ווענטילאטאר-מאשינען א.ד.גל.

שנעל און ביליג! שנעל און ביליג

דרוקזאכן
אלערליי

חערטין שנעל, און פראמפט
אין דער פיינסטער אויס-
פיהרונג און די מאדערנסטע
שריפט אויסגעשטאטעט.

סלעפסידרעם
(מארעס-אנצייגע)
חפרען אין פערלויף פון
2 שעה געדרוקט און
אויסגעקליבט איבער דער
גאנצער שטאט.

בוכדרוקעריי
ע. און מ. האמבורסקי
פיעטריקאווער 16, טעל. 47.

שוין דערשינען:

בריוו פון דער מאמע פון דער יודישער ביהנע

אסתר רחל קאמינסקא

מיט ארייננפיר און באמערקונגען פון מארק טורקאו.

דאס ביכל אנטהאלט 73 בריוו, וואס די גרויסע יודישע קינסטלערין האט געשריבן צו:
יעקב דינעזאן, מענדל עלקין, פאולא און נח פרילוצקי, אברהם יצחק קאמינסקי, רעגינא קאמינסקא, אידא קאמינסקא, יוסף קאמינסקי זיגמונט טורקאו, יאנאס טורקאו א. א.

19 דרוק-בויגן, 5 בילדער. פראכט-אויסגאבע
— פרייז 3,75 זל. —
מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:
Kooperatywa „Bycher“ Warszawa, Nalewki 2-a

Gimnazjum Żenskie
w Łodzi, Zielona 10,
tel. 22-12

איינשרייבונגען פון נייע שילערינס נאמט אן דער סעקרעטאריאט פון גימנאזיום פון 20. אויגוסט טעגליך פון 10—1 נאכמיטאג.

דירעקטאר י. אב.

MĘSKIE
Gimnazjum Humanistyczne

Tow. Sz. O. i W. T. wśród Żydów

Łódź, Pomorska 46, — tel. 6-64.

אנמעלדונגען נעהמט אן די קאנצעלאריע פון גימנאזיום פון 20-טען אויגוסט פון 11—1 נאכמיטאג.

דירעקטאר: מ. שווייצער.

רייניגען פאלירען און ניקלען

פארשידענע מעטאלן, מעטאל-ציהען צו לאמפן און אנד. געגענשטענדע

ניי-ערעפענטער אנשטאלט

„Galwanikiel“

wł. St. Kunkel i R. Groschang

לאדז, פוסטא 7.

זערגפעלטיגע אויספארטיגונג צו נידעריגע פרייזען. אויסארבעטונג פון פארשידענע ניקלענע ראמען צו בעטען און שפיגלען. אפגעריכטונג צו ניקלען ווירען 4 מעטער לאנג.

ווייכטיג פאר די, וואס פאהרען אויף אורלויב - אפרוה !!

ווילט איהר אייער אורלויב גוט פערברענגען! ווילט איהר האבען אנגענעהמע גזעלשאפט! פאהרט אויף אפרוה נאר אין

פענסיאנאט
„WYGODA“

St. GŁOWNO, Polenice, Wila Pabiańskiego
obok Nowego Otwocka, przy lesie

סטאציע גלאחנא - פאלעניצע
ווילע פאביאנסקי נעבען נאווא-אטוואצק

שמעפהלפ: גרויסע זוניגע צימערן. כשר'ע, חיצישטע און גע-שמאקע קיך. חערליכע געגענד. מאנסורענץ-פרייזען 40% ביליגער ווי איבעראל!

בעמערקונג: מסטגעהשנד איז נויטיג פימצוברענגען.
צו ווענדען זיך דירעקט צו טרויי אפעל אין פענסיאנאט „ויגאדא“

אין לאדז ערטיילט אויסקינפטע: אפעל, זגיערזקא 28, אין הויף 2-טען איינגאנג, לינקס. פארטער פון האלב 6 ביז האלב 7 אוונד

פאר יעדן ערליך און פרומען מענטש

„הילף“

צענטראל-ארגאן פון גמילות חסדים - קאסעס אין פוילען ערשיינט יעדען חודש.

לייטונג: אויבער-קאמיטעט. רעדאקטאר: פ. ווייל.

ערשינען דער מאי-נומער מיט פאלגענדען אינהאלט:

1. צוריק צום פריהערדיגען. פ. וו.
2. אפגאבען דער באוועגונג פון גמילות חסדים-קאסעס אין פוילען. געשפרעך מיט'ן פינאנץ-דירעקטאר פון דזשאינט ה.—דוד שווייצער.
3. באמערקונגען — — — — — — — Wuel.
4. נאסט פון אמעריקא — — — — י. ת. זאגאראדסקי
5. א ווענדונג צום „דזשאינט“ — — — ש. דינער.
6. צו דער ווירטשאפטליכער לאגע אין פוילען — י. גפן.
7. קאמונאלע אינסטיטוציעס און סאציאלע הילף — י. קאפין.
8. פאר ווערטער צו די יודישע ראטמענער אין פוילען. —F.

פרעסע טריבונע. פובליצאצען פון מאגיספראטען. גייע גמילות-חסדים-קאסעס. פון דער פראקטיק. אנדערע ידיעות.

די „הילף“ שטעהט אויף דער וואך לטובת די אינטערעסען פון אלע גמילות-חסדים-קאסעס אין פוילען.

די „הילף“ פיהרט א קאמפאניע אין דער ריכטונג צו פער-זיכערן די עקזיסטענץ פון אלע גמילות-חסדים-קאסעס און צו באַ-קומען קרעדיט און מלוכה-סובווענציען און קרעדיטען פאר זיי.

די „הילף“ שפיגעלט אפ די עקאנאמישע לאגע פון יודען אין פוילען.

ביי יעדען יודישען געזעלשאפטליכען טוער, ביי יעדען יודי-שען ראטמאן, אין יעדער יודישער אינסטיטוציע דארף זיך געפינען דער זשורנאל „הילף“.

אבאנעמענטס-פרייז—6 זל. א האלב יאהר; איינצעל-נומער—1 זל.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Redakja „HILF“, Warszawa, Leszno 42, tel. 416-97
Konto czekowe: P.K.O. 15.42

NOWOŚĆ PATENT

IZOLACJA POWIETRZNA

FABRYKA ELEMENTÓW I BATERII „BATRA“
POZNAŃ

7-kl. szkoła powsz. № 26

Izaaka GOLDBERGA

(Aleja I Maja 16).

די שולע האט א דאנק איהר פרוכטבארע טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון יודישן חינוך אין משך פון איהר פיל יאהריגען עקזיסטענץ שטענדיג פערנומען דעם חשובסטען ארט אין דער ערשטער רייהע פון די מעדערנסטע, בעסטע שולען פון אונזער שטאט.

אס צוי ווט אויך לחנא אנגעשטרענגט ווערען די מעגליכסטע כוחות פון גאנצען שול-פערזאנאל, כדי צו דערהאלטען דעם פרעסטיזש פון דער שולע אויף דער העכסטער מדרגה פון איהר אויפגאבע.

פאר אנפאנגער ווט פון נייעם שול-יאהר אן דער שכר-למוד בעדייטענד ערמעסיגט ווערען גאנץ באזונדערס ווערען אויסנאהמס-פרייזען בערעכנט ווערן פאר אונבעמיטעלטע, צוגענומען פאר שילער, וועלכע האבען ביז-איצט געלערנט אין די שטעטישע פאוושעכנע שולען.

אין קומענדיגען שול-יאהר וועלען די תלמידים פון 4-טען אדזיאל, לערנען נאכמיטאג אויך משניות און גמרא ביי די בעסטע מלמדים פעדאגאגען. די העברעאישע שפראך ווערט געלערנט ווערן מיט א זעהר לייכטען סיסטעם (עברית בעברית) און לויט דעם אקצענט פון „hawara sfardit“.

שילער-אנמעלדונגען — יעדען טאג פון 11—3 נאכמ. ביים איינשרייבען דארפען נויטיג דעם שילער'ס מעטריקעס.

Hallo! Baczność! Hallo!

Elektrownie i biura instalacyjne na prowincji.

Na nadchodzący sezon sprzedaję wszelkie **materjały instalacyjne** po cenach fabrycznych również **żarówki,** oraz **motory** na zapytanie.

„ELEKTROS“
Cegielniana 26, tel. 56-59.

א שפולעריי
צו פארנעמען און האל הערט געזוכט ביי
ווייסמאן, פולנאצנא 12, פראנט 3. שטאק

א שעהנער
קאראקול-מאנטעל
זעהר ביליג צו פערקויפען.
Hotel Savoy pokój 404.

4 וועקסלען זענען פערלוירן געווארן:
1) 80 זלאטיס אויגוסט. ר. פעלדמאן צאהלבאר ד. 10/2 1929 (2 50 זל. אויגוסט. ל. סטראחאשינסקי, צאהלבאר ד. 12/12 ד. י. (3 42 זל. אויגוסט. ל. סטבאוושינסקי צאהלבאר ד. 26/8 ד. י. (4 50 זל. אויגוסט. ש. שמיעטאנא צאהלבאר ד. 16/X ד. י.
די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג, דער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג אבצוגעבען צו ה' שוויאפלאחסקי, ווסכאדניא 4.
3839

א זשור מאשין-זינגערס
אין בעסטען צושטאנד צו פערקויפען פיעטריקאווער 42 ביי א. לעווקאוויטש

א סוואליפיצירטע
פערקויפערין
אין דער שיך-בראנזשע ווערט געזוכט ביי עדערבערג פעטריקאווער 17. נאר פון דער בראנזשע

טליתים-פאבריק

אויסארבעטונג פון האלבנע, האלב-האלבנע וזיידענע טליתים כמו טרקישע, יערושלאימער און קאלאמעיער, ווי אויך טליתים-קטנים הורט און דעטאיל, מיט אויספערטיגונג, אויך גארטלען, שמאלגעס און ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל ביי

א. ה. ציטרינאווסקי
סאמיענגא 1, אין 2. טויער, פארטער.
באמ.: פאשרן אויך אנגענומען אלע טליתים צו וואשן.

ליי-ביבליאטעק
א. ג. א. אייזענשלאס

גאלודניאווא 11, לינקס אויפצוג 3 שטאק.
די ביבליאטעק איז טעטיג טאגטעגליך און מיטוואך פון 6—10 אוונט און שבת פון 1—10 פיטאג און פון 4—10 אוונט. איינשרייבען קען מען זונטאג טאג פון 6—10 אוונט.

!! אויף ראטעס !!
אויבער-העמדער
און נאכט-העמדער
פון פאפעליו, זעפיר און אנדערע שטאפען צו בעקומען אין דער ערשטער. פראצאהטיגע פון

J. Worobiejczyk

Kilińskiego 41

אל תתהלל ביום מחר!
כי לא תדע מה ילד יום.
לייג נישט אפ אויף מארגען

נאר גיי צו דו דערסט ערלעדיגען סאנדאווע וואכען זאלסטו גלייך קומען צו לויסען אין בירוא

17 פיעטריקאווער 17
טעלעפאן 52-52

וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געפירט ענהאבע געשעפטען לויט'ן אויסבאהו אלערליי בי פעם, קלאזויטעס, זאבצוזיפטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, ציווילע און קארנע פראצעסיעס, אדוואקאציעס, רעקורסען חענגען דירה אין אורזשאנד-ראזיעמטשי, חענגען פעסטער אין קאמיסאריאט-רוזשאנדו און אלע פאליציי-בעצירקען, אקטען אינטערצויצעס, אקטען דע-רעוויזעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבער-זעצונגען אין אלע שפראכען. ספעציאליסט פון שותפות-אקטען. מיט אכטונג
י. מאנעלא רעכט-קאנסולענט

א ערשטקלאסיגער
פאכמאן
אין דער גארן-בראנזשע פון וואל און בוימוואלע פאר טריקאטאזש - אויסארבעטונג ווערט אלס שותף געזוכט מיט א קליינעם קאפיטאל. אפער-טען אין דער אדמ. פון „ל. ט.“ סוב. „פאכמאן“.

גאנץ לאדז מוז וויסען!
אין פערלויף פון 2 טעג קען יעדער האבען עלעקטריש בעלויכטונג
און שטוב אויף ראטעס
אויסצוצאהלען וועכענטליך פון 8 זל. אן
וואס אויך אן מאנטירען צו רעפארירען, איבער-ארבייטען לישטרעס אויף אגראניטשניקעס, פרעס-קעלען פון דער עלעקטראפיע אלס ערשטע דינגס פינקטליך און רעעל נאר די קאנצעסיא-נירטע פירמע וואס איז פעראנטווארטליך פאר דער לאדזשער עלעקטרעציע

מ. לעהוו, לאדז קאנסטאנטינער 58

טעלעפאן-נומערן: סטיג פון 8 פריה ביז 11 אוו.
באמ.: שפרעכשטונדען פון 2—3, 8—11 נאכמ.
עלעקטרישע לאמפען און גאז-שטעקעס מיט 50% ביליגער פון פרייז-קוראנט. פאבריקען פאר-קומען 8 סטאציאנען ראבאט מיט גוטע קאנצעסיעס.

ס'איז נויטיג
א מענש צו א וועגעלע
אפצופיהרען שאכלען, ווי אויך מערלער.
Wólczańska 52, Elenberg.

אבאנאמענטס-פרייז: פאר 3 חדש אין לאדז 5 זל. ... ביז 20 שורות, אין אנדערע לענדער—1,25 דאלאר. אנאנסען-פרייז: פאר א מילימעטער-שורה פאר'ן טעקסט 15 גראשען, פריטאג 24 גר., אין טעקסט 40 גר., פריטאג 60 גר., גאנצן 12 זל., פריטאג 18 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. זוכער צער שטעל—מיט 50% טייערער. פון די פרייזען ווערט נישט ארגעגעבען קיין רבאט.

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.